# שיחת

## ש"פ בשלח, י"א שבט
## ה'תשמ"ה

●

הנחת הת' בלתי מוגה


יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים וחמש לבריאה

SichosKodesh.com

## מפתח


**שיחה א':**

שיעור חומש דיום ההילולא - "לחם מן השמים" לכאו"א מישראל בשוה - "עומר לגולגולת", באופן ד"כצפיחית בדבש". וההוראה - הפצת המעינות חוצה לכאו"א מישראל (בשליחותו ובכחו של משה דדורנו, נשיא הדור), מבלי להביט על מעמדו ומצבו ....... ס"א

**שיחה ב':**

שמו של בעל ההילולא - "יוסף יצחק":

"יוסף" - "יוסף ה' לי בן אחר", הן בנוגע לגדול שבגדולים - שעושים ממנו "בן אחר", "בן" (צדיק) בסוג נעלה יותר (בע"ת), והן בנוגע למי שהוא במצב של "אחר", לעשות ממנו "בן".

"יצחק" - "כל השומע יצחק לי", מאַכן פריילעך אידן .......... ס"ס

**שיחה ג':**

א) שאלות בפרש"י (טו, טו) - "אלופי אדום אילי מואב" .... סכ"ד

ב) לקוטי לוי"צ (ע' סא) - הצורך לכלול את עצמו עם הציבור; עבודה בדרכי נועם ............................ סכ"ח

ג) שיעור היומי ברמב"ם - בענין כופין על מדת סדום, זה נהנה וזה לא חסר; ההשתדלות בעשיית טובה ליהודי, ענין הצדקה - גשמית ורוחנית, וההכרח לזה - ע"פ דברי הזהר (הנ"ל) שצריך לכלול את עצמו עם כלל ישראל, ודוקא בדרכי נועם .......... סכ"ט

ד) החיבור ד"יוסף יצחק": העבודה ד"יוסף" (קירוב) באופן ד"יצחק" - מתוך חיות ושמחה, ובדרכי נועם. והעבודה ד"יצחק" באופן ד"יוסף" - שמלבד השמחה שפועלים על כל יהודי לפי ערך מצבו בהוה (אפילו אם הוא "קטן"), פועל בו העילוי ד"יוסף" ("יוסף ה' לי בן אחר"), ואז השמחה ("יצחק") באופן נעלה יותר .................................. סל"א

**שיחה ד':**

א) התחלת שנת הל"ו ליום ההילולא - "אלה" (בגימט' ל"ו), שש מדות שכ"א כלולה משש - שלימות העבודה בתכלית התוקף והגילוי ................................. סל"ז

ב) המשך ה"הנחה" במחיר ספרי קה"ת - עד ט"ו בשבט ...... סל"ט

ג) השתתפות בסכום סמלי בהוצאות כל א' מהשלוחים, הן בנתינה אחת עבור הוצאותיו הפרטיות והוצאות השליחות כי כולא חד; חלוקת משקה ........................ ס"מ

**שיחה ה':**

חלוקת משקה עבור ה"מלוה מלכה" הקשורה עם נשי ובנות ישראל וביאור תפקידם ושליחותם בעולם; ה"מלוה מלכה" של ה"ועדה לדוברי עברית" ........

**שיחה ו':**

הביאור בפרש"י ............................

בס"ד. שיחת ש"פ בשלח, י"א שבט ה'תשמ"ה.

הנחת הת' בלתי מוגה

א. די התוועדות איז לכל לראש פארבונדן מיטן יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו ביו"ד שבט.

ועפ"ז האט מען לכאורה לכל לראש געדארפט אנהויבן רעדן וועגן דעם בעל ההילולא, אנהויבנדיק פון זיין נאמען (כדלקמן), ווי דער אלטער רבי שרייבט אין שער היחוד והאמונה[1] אז שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש איז מהווה מחי' ומקיים און גיט ארויס דעם תוכן פון דעם וואס ווערט אנגערופן בשם זה.

אעפ"כ וויל זיכער דער בעל ההילולא אז מ'זאל אנהויבן רעדן בהתאם צו דער תורה פון דעם אלטן רבי'ן, וואס איז איבערגעגעבן געווארן דורכן בעל ההילולא, וואס ער איז ממלא מקומו[2] (פון דעם אלטן רבי'ן) - אז מען דארף לעבן מיט דער צייט (און דער מיטעלער רבי האט עס שפעטער מבאר געווען[3], ד.ה. (ווי ס'איז דערנאך געווען דער הסבר), אז מ'דארף לעבן מיט דער פרשה וואס מ'לייענט אין דער צייט, ובפרטיות יותר - בכל יום דארף מען לעבן מיט דער "פרשת היום" דיום זה.

ובנדו"ד (דער יום ההילולא פון יו"ד שבט וואס איז בשנה זו אויסגעקומען ביום ששי דפ' בשלח) - מיטן חלק פון ששי ביז שביעי דפ' בשלח.

דערפאר וועט מען אנהויבן רעדן אן ענין אין דעם שיעור חומש פון יו"ד שבט, בהתאם לרצון פון דעם בעל ההילולא (ווי ער האט איבערגעגעבן די תורה פון דעם אלטן רבי'ן) - אז ביום ההילולא שלו זאל מען לעבן מיטן חלק פון ששי ביז שביעי דפ' בשלח, ובמילא איז דער חלק הפרשה פארבונדן מיטן תוכן פון יום ההילולא.

און וויבאלד אז מ'דארף דערמיט לעבן - איז כשם ווי אין לעבן איז ניט שייך קיין הפסק (ח"ו), ס'איז ניט בלויז איין טאג, נאר דאס ווערט נמשך שטענדיק, אזוי אויך דארף מען לעבן (ביום ההילולא) מיטן חלק הפרשה (פון ששי ביז שביעי דפ' בשלח), און ניט נאר ביום ההילולא, נאר דאס דארף נמשך ווערן אויך בכל הימים שלאחרי זה, אזוי ווי דער חלק הפרשה פון די ימים לפנ"ז דארף נמשך ווערן אויך ביום ההילולא ובימים שלאח"ז - ווארום דאס איז דאך א חלק פון תורה וואס זי איז נצחית (ווי דאס איז בא יעדער

---

1) פ"א. וראה לקו"א להה"מ סרמ"ד. או"ת להה"מ פ' בראשית ד, סע"ב ואילך. לקו"ת בהר מא, ג. 2) "היום יום" ב' חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך. 3) ס' השיחות שם ע' 30.

SichosKodesh.com

מצוה, אז דאס טוט אויף א יחוד נצחי[4], ובלשון בעל ההילולא[5], אז "העבר מלמד ההוה ומורה דרך העתיד", ובלשון ההלכה המורגל בישיבות - אז דאס איז א "פעולה נמשכת"[6].

ב. און וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיטן בעל ההילולא, נשיא הדור, וואס "הנשיא הוא הכל" (ווי רש"י ברענגט אראפ[7], ומזה מובן אז דאס איז פשוטו של מקרא[8]) - איז פארשטאנדיק אז די הוראה (פון חלק התורה דיום ההילולא), מיט וועלכער מ'דארף לעבן ביום ההילולא ובימים שלאח"ז, איז שייך צו "(הנשיא הוא) הכל", צו אלע אידן פון דור של בעל ההילולא, כולל אויך דורנו זה וואס איז א המשך און זיין יסוד ותוכן וצורה איז געבויט אויפן חינוך ופעולות פון דעם דור שלפנ"ז (דער דור פון דעם בעל ההילולא), און דער דור איז דער יסוד והכנה ומחנך, וואס וועט מחנך זיין און אויפבויען די אלע דורות שלאח"ז - במילא קומט אויס אז "הכל", אלע מענטשן פון דור של בעל ההילולא און דעם דור שלאח"ז און די אלע דורות שלאח"ז, זיינען פארבונדן מיטן נשיא (וואס "הוא הכל"), בעל ההילולא.

ובמילא דארף די הוראה פון דעם חלק הפרשה מיט וועלכער מ'דארף דעמולט לעבן האבן א שייכות און זיין פארשטאנדיק צו "הכל", אלע מענטשן, ניט נאר די גדולים, נאר אויך א פשוט שבפשוטים, ביז אפילו אויך א קטן שבקטנים, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, ווייל זיי גייען אלע אריין אין דעם כלל פון "הכל".

ואדרבה - א פשוט שבפשוטים האט א מעלה לגבי א גדול, כידוע מאמר בעל ההילולא[9], אז די פשטות פון אן איש פשוט נעמט זיך פון פשיטות העצמות.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט פרשתנו, פרשת שירה (שבת שירה): כללות השירה איז פארבונדן מיט "ויאמינו בה' ובמשה עבדו" (ווי עס שטייט פאר דער שירה[10]). וואס דא איז מען מדגיש ניט ווי משה רבינו - דער נשיא פון יענעם דור - איז געווען א חכם גדול, נאר ווי ער איז "עבדו", אן עבד נאמן להקב"ה, וואס אן עבד נאמן איז אן עבד הכי פשוט (כמבואר בהמשך תרס"ו[11]).

---

4) תניא פכ"ה (לב, א). 5) לקו"ד ח"א פה, סע"ב. וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' שעג. ח"י ע' תכה. 6) ראה מפענח צפונות פ"ה. ובכ"מ. 7) חוקת כא, כא. וראה תנחומא חוקת כג. תנחומא באבער שם נב. במדבר"ר פי"ט, כח. יל"ש עה"פ (רמז תשסד). 8) ראה פרש"י בראשית ג, ח. שם, כד. ועוד. 9) ראה רשימה ד"ה אתם נצבים תש"ז (סה"מ תש"ז ע' 256 ואילך). לקו"ד ח"ג תצא, ריש ע"ב. ח"ד תקעה, ב. ועוד. 10) פרשתנו יד, לא. 11) וראה גם מאמר ד"ה באתי לגני שנאמר בההתוועדות.

הנחת הת' בלתי מוגה

און דער ענין איז דא ביי אלע אידן ("הכל") בשוה - ווי די גמרא[12] זאגט אז אלע אידן זיינען "מאמינים בני מאמינים", ובלשון העבודה (ווי דאס איז אין עבודת האדם) - ביי אלע אידן[13] איז דא דער ענין פון קבלת עול פון אן עבד להקב"ה.

עס זיינען דא חילוקים גדולים צווישן אידן, פון "ראשיכם שבטיכם"[14] ביז "חוטב עציך" און "שואב מימיך"[14] מיט די אלע סוגים בינתיים; אבער וויבאלד אז דא רעדט מען וועגן דעם ענין פון "הנשיא הוא הכל", איז נוגע דער ענין אין וועלכן עס גלייכן זיך אויס "הכל", אלע אידן - וואס דאס איז דער ענין פון "עבדו", קבלת עול, וואס אין דעם זיינען אלע אידן בשוה[15], פון משה רבינו ביז דעם פשוט שבפשוטים.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דער הוראה פון דער חלק דששי ביז שביעי בפ' בשלח:

אין דעם שיעור חומש זיינען דא כו"כ פסוקים און א ריבוי ענינים, ביז ענינים א"ס, וואדום תורה איז "ארוכה מארץ מדה ורחבה מיני ים"[16]. און אין די ענינים גופא זיינען דא א ריבוי פירושים ע"פ פשט, רמז, דרוש וסוד;

אבער וויבאלד אז דא רעדט מען וועגן דעם יום ההילולא פון דעם בעל ההילולא, נשיא הדור, וואס הנשיא הוא הכל, איז פארשטאנדיק אז די הוראה פון דעם חלק הפרשה (וואס דארף זיין שייך צו "הכל") דארף לכל לראש זיין ע"ד הפשט, וואס אין דעם גלייכן זיך אויס אלע סוגים פון אידן ("הכל"), און אין חלק הפשט גופא - ווי דאס איז מובן לכולם לפי ערכם, אויך צו א פשוט שבפשוטים וואס איז נאך ניט שייך צו נעמען און פארשטיין א ריבוי פרטים (אפילו ע"ד הפשט) - דארף מען ארויסנעמען א נקודה כללית ע"ד הפשט פון דעם שיעור חומש פון יום ההילולא וואס איז מובן לכאו"א מישראל.

ג. והענין:

די נקודה וואס רעדט זיך אין דעם שיעור חומש פון דעם יום ההילולא (ששי ביז שביעי דפ' בשלח) איז - וועגן דעם ענין פון "מן".

בכללות רעדט זיך וועגן דעם "מן" אויך אין דעם שיעור חומש

---

12) שבת צז, א. 13) ראה סה"מ תש"ד ע' 5. 14) נצבים כט, ט-י. וראה לקו"ת ר"פ נצבים. 15) ראה קונטרס העבודה פ"ג (ע' 18). סה"מ שם. ועוד. 16) איוב יא, ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

שלפנ"ז (פון חמישי ביז ששי) - אבער אין דעם שיעור פון יום ההילולא קומען צו ענינים חדשים אין דעם ענין פון "מן".

איינער פון די חידושים נפלאים - ווי עס שטייט בפשטות הכתובים המובן אויך צו א פשוט שבפשוטים:

"זה[17] הדבר אשר צוה ה', לקטו ממנו איש לפי אכלו עומר ("עשירית האיפה הוא"[18]) לגלגולת מספר נפשותיכם איש לאשר באהלו תקחו", "כפי מנין נפשות שיש לאיש באהלו תקחו עומר לכל גולגולת". "ויעשו כן בני ישראל וילקטו המרבה והממעיט, וימדו בעומר ולא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר", "יש שלקטו הרבה ויש שלקטו מעט וכשבאו לביתם ומדדו בעומר איש איש מה שלקטו ומצאו שהמרבה ללקוט לא העדיף על עומר לגולגולת אשר באהלו והממעיט ללקוט לא מצא חסר מעומר לגולגולת, וזהו נס גדול שנעשה בו"[19].

וואס דאס איז א חידוש נפלא:

זיכער זיינען דעמולט געווען חילוקים צווישן אידן: בקצה אחד איז געווען משה רבינו, ובקצה השני זיינען געווען אנשים פשוטים, ביז קטנים וקטני קטנים וואס זיינען ערשט געבארן געווארן. ובינתיים זיינען געווען כו"כ דרגות וחילוקים צווישן אידן.

נאכמער:

אין לקיטת המן גופא זיינען געווען חילוקים צווישן אידן - "המרבה והממעיט". וואס דאס ווייזט אויף א חילוק בדרגת עבודתם - ווייל דער מן איז געווען א ברכה של הקב"ה - אן ענין הכי נעלה - לחם מן השמים (ס'איז טאקע ניט געקומען מעצמו, נאר ע"י הבקשה און די טענות פון אידן, אבער לאחרי בקשתם איז דאס א ברכה של הקב"ה). איז בשעת א איד איז זיך וואס מער משתדל און איז מרבה צו קלייבן דעם מן ("מרבה") - ווייזט עס אויף אן עילוי בעבודתו, אז ער איז מחשיב ברכתו של הקב"ה און טוט כל התלוי בו דאס צו נעמען; לאידך גיסא זיינען געווען אידן, וואס מפני סיבות שונות ומשונות, האבן ממעט געווען בזה ("ממעיט").

האט דאך עפ"ז אויך געדארפט זיין א חילוק אין דער מאס פון דעם מן וואס זיי זאלן קריגן - ווארום ע"פ תורה דארף זיין "לפום צערא אגרא"[20], אז דער וואס האט "מרבה" געווען ביגיעתו בלקיטת המן, זאל באקומען א גרעסערן חלק ווי "הממעיט".

---

17) פרשתנו טז, טז. 18) שם, לו. 19) פרש"י עה"פ שם. 20) אבות פ"ה מכ"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

עאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן משה רבינו אליין, וואס בזכותו ירד המן (כמבואר במדחז"ל[21]), ומובן אויך בפשטות הכתובים, אז ער האט זיך איינגעשטעלט פאר אידן זיי זאלן האבן וואס צו עסן כו' - האט ער דאך זיכער געדארפט באקומען א חלק גדול יותר.

נאכמער:

ניט נאר וואס עס זיינען געווען אידן וועלכע (מפני סיבות) זיינען געווען "ממעיט", נאר נאך למטה מזה: אידן וואס האבן געטאן אויף-צו-להכעיס [וויבאלד אז ס'איז שבת וועט עס קיינעם ניט שאטן, ניט בעבר ניט בהוה און ניט בעתיד], און בשעת משה האט אנגעזאגט אידן "אל יותר ממנו עד בוקר"[22] - זיינען געווען די וואס "לא שמעו אל משה ויותירו אנשים ממנו עד בוקר"[23].

ועד"ז בשעת משה האט אנגעזאגט "ויהי ביום הששי לקטו לחם משנה גו'"[24] און ביום השבת "לא תמצאוהו בשדה"[25] - אעפ"כ זיינען געווען די וואס האבן געטאן אויף-צו-להכעיס און ביום השבת "יצאו מן העם ללקוט"[26]. ד.ה. ניט קוקנדיק אויף דעם וואס משה האט עס אנגעזאגט לכל העם - זיינען זיי ארויס ("יצאו") בפומבי און זיך געפירט היפך הציווי, כמסופר אין דעם שיעור חומש, ולא כדאי לחזור על הפרטים בזה.

אעפ"כ זעט מען, אז ניט קוקנדיק אויף די חילוקים, ניט קוקנדיק צי ער איז משה רבינו אדער א פשוט שבפשוטים, צי ער איז נאך בר-מצוה אדער פאר בר-מצוה, נאך דעם גיל שהגיע לחינוך אדער פאר דעם גיל, ביז אפילו א תינוק שנולד (וואס אויך ער איז דאך נכלל אין "נפשותיכם"), צי ער איז א צדיק, צי א צדיק גמור, א רשע, אפילו אין דעם ענין פון מן גופא - האבן אלע אידן באקומען דעם זעלבן חלק פון "מן" - אן "עומר לגולגולת"!

וואס דאס איז א מורא'דיקער חידוש וואס מ'געפינט ניט במקום אחר!

ד. דער חידוש איז נאך מער מורא'דיק:

בשלמא בנוגע צו לחם מן הארץ, א דבר גשמי, איז דארטן ניט ניכר און ס'רירט ניט אן בגלוי דער מצב רוחני פון דעם אדם וואס איז זיך מתייגע אין "שש שנים תזרע שדך"[27] בכדי צו האבן חטים פאר לחם - אעפ"כ איז דארטן אויך דער סדר (ע"פ טבע) אז "לפום

---

21) תענית ט, א. 22) פרשתנו שם, יט. 23) שם, כ. 24) שם, כב. 25) שם, כה. 26) שם, כז. 27) ל' הכתוב - בהר כה, ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

צערא אגרא", לויט זיין יגיעה אין "שש שנים תזרע שדך", באקומט ער חטים און לחם.

עאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן לחם מן השמים, א דבר רוחני, און בתכלית העילוי - האבן דאך אין דעם געדארפט זיין ניכר די חילוקי דרגות בעבודה רוחנית צווישן אידן, ווייל דער מן איז דאך ניט געקומען מעצמו ע"י אתעדל"ע - וואס דעמולט איז ניטא קיין קשיות פארוואס דאס קומט בשוה לכולם - נאר ס'איז געקומען ע"י אתעדל"ת, די בקשה וטענה פון אידן. ד.ה. אז פון איין זייט איז דאס אן ענין הכי רוחני ונעלה, ולאידך - רירט דארטן אן אתעדל"ת - האבן דאך אין דעם זיכער געדארפט זיין ניכר די חילוקי דרגות באתעדל"ת ע"י עבודה רוחנית פון אידן.

ד.ה. אז אין דעם מן (לחם מן השמים) האט מען געדארפט זען בגלוי די חילוקים בדרגות רוחניות צווישן אידן - אז יעדער איד זאל באקומען דעם מן לויט זיין דרגא רוחנית.

ווארום כל העולם כולו, שמים וארץ וכל צבאיהם, איז באשאפן געווארן "בשביל ישראל"[28], ובמילא זיינען אידן כולל אין זיך שמים וארץ וכל צבאיהם, ד.ה. אז צווישן אידן גופא זיינען דא די וואס זיינען בבחי' שמים ("ראשיכם שבטיכם") און די וואס זיינען בבחי' ארץ ("חוטב עציך" און "שואב מימיך"). האט דאך אין דעם לחם מן השמים געדארפט זיין ניכר בגלוי אז דערצו האט מער שייכות א איד וואס איז בבחי' שמים איידער א איד שבבחי' ארץ. ד.ה. בפשטות אז "ראשיכם שבטיכם" זאלן באקומען א גרעסערן חלק פון "לחם מן השמים", און א "שואב מימך" וקטני קטנים זאלן באקומען א קלענערן חלק, וכיו"ב.

עאכו"כ אז די חילוקים אין דער עבודה פון לקיטת המן גופא האבן לכאורה געדארפט זיין ניכר אין דעם חלק המן וואס יעדערער באקומט - "המרבה" זאל באקומען מער (ווייל ער האט זיך מער משתדל געווען, ו"לפום צערא אגרא") און "הממעיט" ווייניקער. עאכו"כ אז משה - וואס בזכותו ירד המן - זאל באקומען א חלק גדול יותר.

אעפ"כ, ניט קוקנדיק אויף דעם אלעם, זאגט תורת חיים און תורת אמת אז יעדער איד, סיי דער "מרבה" און סיי דער "ממעיט", האט באקומען די זעלבע מאס פון "מן" - "עומר לגולגולת"!

וואס דאס איז א חידוש בפשטות בענין המן אין דעם שיעור חומש פון יום ההילולא - אז יעדער איד, פון א גדול'שבגדולים ביז

---

28) ראה פרש"י בראשית א, א. ועוד.

א קטן שבקטנים, פון א צדיק ביז א רשע, אפילו אזא וואס פירט זיך אויף צו־להכעיס בענין המן עצמו - באקומט דעם זעלבן חלק פון "לחם מן השמים" - "עומר לגולגולת"!

ה. יעדער ענין וסיפור אין תורה איז א הוראה נצחית עד סוף כל הדורות.

ובפרט אן ענין פארבונדן מיטן מן, וואס דאס איז ניט געווען גלאט אן ענין נוסף - נאר דאס האט אויפגעטאן דעם קיום פון אידן בדור ההוא ("ובני ישראל אכלו את המן ארבעים שנה עד בואם אל ארץ נושבת"[29]), ובמילא - דער קיום פון אלע אידן עד סוף כל הדורות וואס איז תלוי אין דעם קיום פון די אידן בדור ההוא [כולל אויך - אז דורך אכילת המן זיינען אידן דערנאך געקומען צו מתן תורה (כפשטות הכתובים אז לאחרי ענין המן בפ' בשלח קומט דער ענין פון מ"ת בפ' יתרו)] - איז דערפון פארשטאנדיק אז די אלע פרטים בנוגע צום "מן" זיינען א הוראה נצחית פאר אלע אידן עד סוף כל הדורות.

אזוי אויך פון דער נקודה וחידוש הנ"ל - אין דעם שיעור חומש פון דעם יום ההילולא - דארף זיין א הוראה לכאו"א.

איז די הוראה דערפון - בפשטות:

אפילו בשעת אידן געפינען זיך אין גלות, "עד בואם אל ארץ נושבת" לע"ל - דארף יעדער איד משפיע זיין צו אנדערע אידן אין עניני אידישקייט און תורה מן השמים (לחם מן השמים). און דערביי דארף מען וויסן, אז ניט קוקנדיק אין וואס פאר א מעמד ומצב דער איד שטייט, צי ער איז א גדול אדער א קטן שבקטנים, א פשוט שבפשוטים, צי ער איז א "מרבה" אדער א "ממעיט", אפילו אויב ער פירט זיך אויף צו־להכעיס קעגען אידישקייט - דארף מען אים משפיע זיין "תורה (לחם) מן השמים", און נאכמער - די זעלבע מאס פון "לחם מן השמים" ווי מ'איז משפיע אנדערע אידן, ביז אפילו משה רבינו!

דאס הייסט, ניט מ'זאל מאכן דעם חשבון, אז היות יענער איז א פשוט שבפשוטים, אדער א קטן שבקטנים, ערשט געבארן געווארן ברוחניות - דארף מען אים ניט געבן "לחם מן השמים", וואס טעמו איז "כצפיחית בדבש"[30] מלשון תענוג, ועם כל הפירושים שבזה, אדער ער וועט עס אים געבן נאר אין א קליינער מאס, קלענער ווי מ'גיט עס אנדערע אידן -

---

29) פרשתנו שם, לה. 30) שם, לא.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לערנט אים דער שיעור חומש [און דאס איז א זאך וואס אפילו הצדוקים מודים בזה, ווייל עס שטייט מפורש בתושב"כ, און מ'דארף אויף דעם ניט אנקומען צו דרשות ולימודים כו'], אז כשם ווי דער אויבערשטער האט עס געגעבן - בזכותו של משה רבינו - יעדן אידן בשוה, ניט קוקנדיק צי ער איז א גדול אדער א קטן, צי א צדיק אדער א רשע, "המרבה" אדער "הממעיט", האט יעדער איד באקומען די זעלבע מאס ווי משה רבינו - אזוי דארף זיך פירן יעדער איד, וואס "ועמך כולם צדיקים"[31] וצדיקים דומים לבוראם[32] אז ער דארף געבן יעדן איד "לחם מן השמים" באופן פון "כצפיחית בדבש" אין דער זעלבער מאס ווי משה רבינו באקומט!

ו. וואס דאס איז די הוראה מיט וועלכער מ'דארף לעבן ביום ההילולא ובימים שלאח"ז - און דאס איז פארבונדן מיטן בעל ההילולא:

אט דאס האט דער בעל ההילולא געמאנט פון יעדערן, אז מ'זאל טאן אין יפוצו מעינותיך חוצה[33]:

בשעת אידן געפינען זיך אין גלות, אין "מדבר העמים"[34], "עד בואם אל ארץ נושבת" לע"ל - האט יעדער איד די שליחות צו טאן אין יפוצו מעינותיך חוצה.

אפילו בשעת א איד געפינט זיך אין חוצה, און אפילו אויב ער איז אזא וואס טוט אויף צו-להכעיס - איז ניט גענוג אז מ'זאל אים געבן "קלייניקייטן", נאר מ'דארף אים צושטעלן - און אין אן אופן פון כל הנותן בעין יפה נותן[*34] - "לחם מן השמים", און אין אן אופן פון "כצפיחית בדבש" (תענוג) - כמדובר כמ"פ[35] אז דער דיוק אין הפצת המעינות חוצה איז ניט אז מ'זאל ברענגען אין חוצה בלויז די "מים" פון דעם "מעין", אבער דער "מעין" אליין זאל בלייבן במקום שני, נאר אין חוצה עצמה דארף מען ברענגען דעם "מעין" אליין - "לחם מן השמים", "כצפיחית בדבש".

ווי דער בעל ההילולא האט געהייסן און זיך אליין משתתף געווען בזה עד כמה שאפשר - אז מ'זאל איבערזעצן די מעינות החסידות אויף אנדערע לשונות בכדי די מעינות אליין זאלן אנקומען אין חוצה ממש.

---

31) ישעי' ס, כא. 32) ראה ב"ר פס"ז, ח. רות רבה פ"ד, ג. ועוד. 33) ראה אגה"ק דהבעש"ט - נדפס בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ. 34) יחזקאל כ, לה. וראה לקו"ש בשלח דשבוע זה ס"ו. וש"נ. *34) ב"ב נג, א. וש"נ. 35) ראה ס' השיחות תש"ד ע' 106. לקו"ש ח"ה ע' 432 ואילך. ח"י ע' 106. חט"ו ע' 282 ואילך. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

קען ער מיינען, אז ער וועט ברענגען אין חוצה נאר טיפין טיפין פון דעם מעין אליין - זאגט מען, אז עס דארף זיין באופן פון "יפוצו מעינותיך חוצה", מ'דארף זיי אהינצו מפיץ זיין אין דער זעלבער מאס ווי מ'גיט עס משה רבינו! און אין אן אופן אז דאס נעמט אים דורך בפנימיות - שנבלע באברים[36].

און דאס איז די הוראה ושליחות פון דעם בעל ההילולא צו כאו"א מדורנו - וואס ער גיט דעם כח דאס דורכצופירן - אז יעדערער דארף טאן אין דעם ענין פון הפצת המעינות חוצה, משפיע זיין "לחם מן השמים" צו יעדערן.

ווי דאס איז געווען בדור המדבר - אז די השפעה קומט אן צו יעדער אידן (ניט קוקנדיק אויף מעמד ומצב שלו) בזכותו ובכחו של משה רבינו - אלס שליח פון דעם אויבערשטן, כמבואר במכילתא עה"פ "ויאמינו בה' ובמשה עבדו" - "שכל מי שמאמין ברועה נאמן כאילו מאמין במאמר מי שאמר והי' העולם" - ועד"ז דורך משה רבינו שבכל דור ודור[37]:

בזכות ובכח פון דעם בעל ההילולא האט יעדער איד בדור זה די שליחות צו משפיע זיין צו יעדער אידן, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב, צי ער איז א גדול שבגדולים אדער א קטן שבקטנים - די מעינות אליין, "לחם מן השמים", אין דער זעלבער מאס ווי עס באקומט משה רבינו.

און אויב איינער וויל זיך אפזאגן פון דער שליחות ר"ל... אויף שונאי ישראל געזאגט געווארן - איז אבער צו א אידן האט עס קיין שייכות ניט, ווארום "ועמך כולם צדיקים".

און בשעת מ'וועט ארויסגיין פון "מדבר העמים" און אנקומען צו "ארץ נושבת", ווען אידן וועלן שטיין אין זייער אמת'ער התיישבות - וועט זיין די שלימות דערפון.

ז. דער ענין הנ"ל (אז עס ווערט נמשך "לחם מן השמים" - הפצת המעינות - צו יעדער אידן ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב ודרגת העבודה שלו) איז ע"ד ובדוגמת ווי דער ענין פון אויר וואס איז נוגע לקיום האדם בכל רגע ורגע און דערפאר קומט עס אן צו יעדער מענטשן ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב און ניט תלוי בהשתדלות ועבודה שלו.

כמבואר בהמשך מים רבים פון דעם רבי'ן מהר"ש[38] ("לכתחילה

---

36) פרש"י חוקת כא, ה. 37) ראה תקו"ז תס"ט (קיב, א. קיד, א). ב"ר פנ"ו, ז. 38) ע' ג-ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אריבער"[39], אז דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט די וועלט אין אן אופן אז "כל מה שנצרך יותר הוא בנקל יותר להשיג ויכולים להשיג את הדבר הנצרך יותר בזול יותר הרבה". וכמבואר שם אז אין צרכי האדם זיינען פאראן כמה דרגות, לבוש מזון ובית, וואס א מענטש דארף צו זיי אלע אנקומען פאר זיין קיום, אבער בנחיצות שלהם זיינען פאראן דרגות, ולפי ערך הנחיצות אזוי דארף זיין די טירחא דאס צו באקומען[40] – ווארום "איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[41]:

א מענטש מוז האבן א בית, ד"כל אדם שאין לו קרקע (לבנות עליו שידור בו) אינו אדם"[42]. אבער היות אז ס'איז ניט מוכרח (ווי לבוש ומזון) אז ער זאל עס האבן פאר קיום שלו בכל רגע ורגע – דערפאר איז דאס א טייערע זאך און דאס איז שווער צו באקומען, און עס קען גאר זיין אז אנדערע קענען גאר ניט קויפן א בית, און אפילו אויב יע, קומט עס אן מיט שוועריקייטן.

א מענטש מוז אויך האבן בגדים, "בגד ללבוש"[43], צוליב אפהיטן פון קור וחום כו'. און דאס איז מער נחוץ פאר אים ווי בית – דערפאר איז דאס ביליקער ווי א בית און ער קען עס לייכטער באקומען. אבער מען דארף נאך אלץ האבן השתדלות.

נאכמער נחוץ פאר קיום האדם איז מזון, "לחם לאכול"[43] – דערפאר איז דאס נאך ביליקער און נאך לייכטער צו באקומען ווי בגדים ועאכו"כ ווי בית.

און דער ענין האויר וואס איז מער נחוץ פאר אלע אנדערע ענינים – ווייל אין דעם איז תלוי קיום האדם בכל רגע ורגע, און אן אויר קען ער ניט לעבן אפילו א זמן מועט כו' – דערפאר איז דאס "נמצא בכל זמן ובכל מקום מבלי שיצטרך האדם גם לילך להשיגו כו', הוא מצוי תמיד ובלי שום מחיר כלל".

אעפ"כ זאגן חז"ל[44] עה"פ[45] "כל הנשמה תהלל י-ה", אז "על כל נשימה ונשימה שאדם נושם צריך לקלס לבורא, מ"ט, כל הנשמה תהלל י-ה, כל הנשימה תהלל י-ה". דלכאורה: א מענטש אטעמט שטענדיק אויר, און אין דעם איז ביי אים ניטא קיין חידוש לגבי א בעל-חי, ואפילו לגבי נחש שרף ועקרב! אעפ"כ איז דאס דער אויפטו פון א אידן, אז אפילו אויף אויר, כל נשימה ונשימה, וואס קומט בלי

---

39) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תריז. ועוד. 40) ראה לקו"ש ח"ט ע' 139 ובהערות שם. 41) במדב"ר פי"ב, ג. 42) יבמות סג, רע"א ובתוד"ה שאין – שם. וראה לקו"ש שם בהערות. 43) ל' הכתוב – ויצא כח, כ. 44) ב"ר פי"ד, ט. וראה דב"ר פ"ב, לז. 45) תהלים קנ, ו.

השתדלות שלו – איז ער מהלל דעם אויבערשטן, "על כל נשימה ונשימה – תהלל י-ה"!

ח. וואס דאס איז די הוראה נפלאה מיט וועלכער אלע אידן בדורנו זה דארפן לעבן – כתורת אדה"ז הנ"ל וועגן לעבן מיט דער צייט – ווארום "הנשיא הוא הכל", און דער "הכל" איז כולל אלע אידן פון דעם דור (כנ"ל).

וכאמור לעיל – דאס דארף זיין אין אן אופן פון "לעבן מיט דער צייט", אז די הוראה הנ"ל (פון דעם שיעור חומש) ווערט זיין חיות אין וועלכער ס'איז תלוי זיין קיום. ד.ה. פונקט אזוי ווי דער עניין פון אויר וואס א מענטש דארף שטענדיק האבן פאר זיין קיום – אזוי ווערט דער שיעור בתורה פון דעם טאג דער חיות פון א מענטשן באופן אז ער קען ניט אויסקומען אן דעם.

דעריבער דארף מען האבן א נייער שיעור אין תורה בכל יום מיט וועלכן מ'זאל דעמולט לעבן (לעבן מיט דער צייט) – ווייל כשם ווי מ'דארף האבן אויר בכל רגע ורגע מחדש (דערפאר קומט עס אן השתדלות כו', כנ"ל), ופשוט אז א מענטש קען ניט לעבן היינט מיטן אויר וואס ער האט נעכטן נושם געווען אדער וואס ער וועט מארגן נושם זיין, נאר ער דארף בכל יום ובכל רגע אטעמען מחדש, ניט ווי מזון עאכו"כ ניט ווי לבוש ובית, וואס ער קען לעבן מיטן מזון וואס ער האט נעכטן געגעסן אדער פארלאזן זיך אויף דעם וואס ער וועט מארגן עסן,

אזוי אויך בעניננו: בשעת מ'זאגט אז א איד דארף לעבן מיט דער צייט, מיטן חלק פון פרשת השבוע וואס מ'לערנט דעם טאג – מיינט עס אז ער דארף דערמיט לעבן אזוי ווי ער לעבט בפשטות דורך נושם זיין אויר. ובמילא דארף ער האבן (בכדי צו לעבן כדבעי) בכל יום ויום – דעם שיעור תורה פאר יום זה, און קען זיך דערביי ניט פארלאזן אויפן שיעור פון נעכטן אדער פון מארגן, אזוי ווי דאס איז בנוגע צו אויר;

וביום ההילולא בשנה זו מיינט עס – לעבן מיטן שיעור חומש פון ששי ביז שביעי דפ' בשלח.

ובפשטות – אז יעדער איד בדור זה האט די שליחות פון דעם בעל ההילולא צו מפיץ און משפיע זיין די מעינות ("לחם מן השמים") חוצה צו יעדער אידן, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב.

וביום ההילולא פון דעם בעל ההילולא דארף מען לעבן מיט אט דער עבודה, און דערפון דארף עס נמשך ווערן על כל הזמנים לאחרי זה (כנ"ל).

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וכשם ווי דאס איז געווען בא משה בדורו, אז בזכותו איז נמשך געווארן לחם מן השמים צו יעדער אידן, אזוי איז דער זכות און דער כח אויף דער עבודה איצטער פון דעם בעל ההילולא.

און דערפאר איז מען פארזיכערט, אז בשעת מ'וועט טאן אין דעם, וועט מען זיכער מצליח זיין.

עס דארף נאר זיין - בלשון בעל ההילולא - "עמדו הכן כולכם"[46], מ'זאל אלע שטיין צוגעגרייטערהייט און אנכאפן זיך אין דער שליחות וואס מ'האט - ווערן דעמולט נמשך אלע ברכות והמשכות,

און מ'האט דעם כח נאך אין זמן הגלות (מדבר העמים) צו משפיע זיין צו יעדער אידן "לחם מן השמים", ובפנימיותו (נבלע באיבריו).

ביז אז דאס ברענגט צו "בואם אל ארץ נושבת", בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו ובמהרה בימינו ממש.

* * *

ט. מוזכר לעיל (ס"א) אז "שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש הוא כלי לחיות המצומצם באותיות שם זה שנשתלשל מעשרה מאמרות" וואס איז מהווה מחי' ומקיים די זאך וועלכע ווערט אנגערופן מיט דעם שם (כמבואר בשעהיוה"א), ועד"ז בשם האדם (פון אן איש פרטי), אז די אותיות פון שם האדם זיינען מקשר די נשמה מיטן גוף ווייל דער חיות הנשמה איז זיך מתלבש אין אותיות השם כו'[46*].

וכידוע וואס עס שטייט אין כתבי האריז"ל[47], אז "כאשר נולד האדם וקוראים לו אביו ואמו שם אחד העולה בדעתם, אינו באקראי ובהזדמן, כי אם הקב"ה משים בפיו השם ההוא המוכרח אל הנשמה ההיא", וואס גייט אריין אין א אינגל בשעת הברית[48] ווען מ'גיט אים דעם נאמען, און א מיידל - בזמן ווען מ'גיט איר א נאמען[49].

וואס דערפון איז מובן אז שם האדם (ושם כל דבר) בלשון הקודש גיט ארויס דעם תוכן פון דעם וואס ווערט אנגערופן בשם זה. דאס גייט דורך די עלטערן - אבער דאס איז דער נאמען וואס "הקב"ה משים בפיו", ווייל די אותיות דשם זה זיינען דער צנור דורך

---

46) במכתבו - נדפס בריש קונטרס לו (סה"מ קונטרסים ח"ב שצז, ב). אגרות קודש שלו ח"ד ע' רעט. *46) לקו"ת שבהערה 1. 47) שער הגלגולים הקדמה כג. שער מאמרי רז"ל בסופו. עמה"מ ש"א ספ"ד. ועוד. 48) שו"ע אדה"ז או"ח מהדו"ב סו"ס ד. 49) ראה לקו"ש חי"ד ריש ע' 250. שיחת ליל ב' דחגה"ס תשד"מ ס"ו (ס' השיחות תשד"מ ס"ע 212 ואילך). ובכ"מ.

וועלכן עס ווערט נמשך חיות הנשמה צו דעם גוף.

וכמארז"ל[50] "ר' מאיר הוה דייק בשמא". ביז אז דארטן ברענגט זיך א מעשה רב: "כי מטו לההוא דוכתא בעו אושפיזא, יהבו להו, אמרו לו מה שמך, אמר להו כידור, אמר ש"מ אדם רשע הוא". ומה-דאך אז ס'איז אזוי בנוגע צו א רשע, וואס ביי אים האט מען געקענט אפשר זאגן אז חיות הנשמה שלו שטייט ניט בגלוי באותיות השם - עאכו"כ - מצד "מדה טובה כו'"[51] - אז דאס איז אזוי ביי א צדיק[52].

י. דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם בעל ההילולא - אז שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש איז מתאים לנשמתו, און זיין שם גיט ארויס דעם תוכן הענין והעבודה פון דעם בעל ההילולא וואס ווערט אנגערופן בשם זה.

און וויבאלד אז דאס איז שמו פון דעם נשיא, וואס "הנשיא הוא הכל", און בתר רישא גופא אזיל[53] - איז פארשטאנדיק אז דאס איז דער שם און די עבודה פון כל אנשי הדור כולו.

ד.ה. אז נוסף לזה וואס יעדערער האט זיין שם פרטי וועלכער ווייזט אויף זיין עבודה פרטית אלס יחיד - וואס דאס איז אבער ניט אלס חלק פון עבודת הדור כולו - האט יעדערער די עבודה אלס חלק פון כל הדור כולו וואס גיט זיך ארויס אין דעם שם פון בעל ההילולא.

ואע"פ אז מי ידמה לו ומי ישוה לו - דארף אבער בא יעדערן (בדור זה) זיין עכ"פ מעין פון עבודת בעל ההילולא (ווי עס גיט זיך ארויס בשמו), ובפרט אז דער בעל ההילולא כבר סלל את הדרך, נוסף לזה וואס פתח את הדרך[54], פאר כל אנשי הדור (ווארום הנשיא הוא הכל) צו טאן די עבודה.

און מ'גיט די כחות צו טאן די עבודה אין א לייכטן וועג באופן של רחמים כו' - כידוע אז דער בעל ההילולא האט געוואלט און דורכגעפירט און אפגערעדט מיט זיין טאטן אז זיין נשיאות זאל זיין ברחמים (כידוע די שיחה וואס איז שוין אפגעדרוקט[55], במילא איז דאס א פרסום לדורות[56]). און פון דעם נשיא ווערט עס נמשך צו

---

50) יומא פג, ב. 51) סוטה יא, א. פרש"י תשא לד, ז. ועוד. 52) בכל הנ"ל - ראה לקו"ש ח"ו ע' 35-36 ובהערות שם. 53) עירובין מא, א. 54) ראה סה"מ תרע"ח ע' רפג. תרפ"ח ע' קב. ובכ"מ. וראה לקו"ש חי"ג ע' 209 ובהערה שם. 55) הועתק בלקו"ש חי"ט ע' 525. וראה לקו"ש ח"ב ע' 502. ס' השיחות תש"ג ע' 12. 56) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' שפב. לקו"ש ח"ב ע' 522.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

כל אנשי הדור, אז מ'גיט זיי אלע ענינים און די כחות צו טאן די עבודה באופן של רחמים, באופן פון "כל הנותן בעין יפה נותן" (כנ"ל), און ווי עס שטייט אין חז"ל[57] אויף יוסף (שמו הראשון פון דעם בעל ההילולא) "טוב[58] עין הוא יבורך"[59].

יא. דער שם פון דעם בעל ההילולא באשטייט פון צוויי ווערטער – "יוסף" און "יצחק". וואס אע"פ אז מ'דארף זיי שרייבן מיט א הפסק בינתיים, אבער וויבאלד אז דאס איז א שם פון איין מענטש, פון איין אידן – ווערט דאס איין נאמען[60], וואס דערפאר דארף מען שרייבן דעם נאמען (אין א שטר) אויף איין שורה[61], נאר דער איין נאמען גופא באשטייט פון צוויי ווערטער. ווי מ'זאגט ביום ההילולא די פרקי משניות וואס הויבן זיך אן מיט די אותיות פון "יוסף יצחק" (שם בעל ההילולא).

וע"פ הנ"ל (אז אין דעם נאמען גיט זיך ארויס דער תוכן העבודה פון דעם בעל ההילולא) איז מובן אז דער תוכן העבודה פון בעל ההילולא גיט זיך ארויס אין די צוויי ווערטער "יוסף" און "יצחק" ווי זיי ווערן איין נאמען פון איין אידן.

דאס הייסט, אז אין דעם זיינען מודגש צוויי זאכן: פון איין זייט באשטייט די עבודה פון דעם בעל ההילולא פון צוויי באזונדערע עבודות (ווארום די צוויי ווערטער "יוסף" און "יצחק" שרייבט מען באזונדער, מיט א הפסק ביניהם) – די עבודה פון דעם שם "יוסף" אליין און די עבודה פון דעם שם "יצחק" אליין, ווי מ'זעט בפועל אז עס זיינען דא אידן וואס הייסן מיט איינער פון די נעמען (ניט מיט ביידע), וואס דאס זיינען צוויי באזונדערע עבודות; אבער ביחד עם זה – איז באם בעל ההילולא ווערט זיין איין און איינציקער נאמען – "יוסף יצחק", ד.ה. אז עבודתו באשטייט פון די ביידע עבודות (פון "יוסף" און "יצחק") ווי זיי קומען צוזאמען און ווערן איין זאך.

וכאמור, וויבאלד אז "הנשיא הוא הכל" און בחר רישא גופא אזיל – איז דער שם פון כל אנשי הדור על שם נשיא הדור, ובמילא באשטייט די עבודה פון כל אנשי הדור אין די צוויי ענינים ווי זיי ווערן איין עבודה.

וועט מען דאס פארשטיין בהקדים הביאור אין דער עבודה פון כל שם בפ"ע.

---

57) זח"ג קל, א. וראה המשך תער"ב ח"ב ע' א'לא. 58) משלי כב, ט. 59) ראה גם "משיחת" ש"פ תולדות תשד"מ ס"א. נדפס (גם) בקונטרס השליחות (קה"ת תשמ"ה) ע' 6. 60) להעיר משו"ת הצ"צ אה"ע סקמ"ג. ועוד. 61) ראה שו"ע אה"ע סקכ"ט סל"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

יב. דער פירוש ותוכן אין דעם נאמען יוסף - האט מען שוין גערעדט כמ"פ, ובפרט בשנה זו (און שוין אפגעדרוקט[62]) - אז דאס שטייט בפירוש אין תורה שבכתב [וואס אפילו הצדוקים מודים בזה[63]]: "ותקרא את שמו יוסף לאמר יוסף ה' לי בן אחר". דאס הייסט, ענינו של "יוסף" איז עס זאל צוקומען נאך א "בן" לאבינו שבשמים.

און עס זאל צוקומען ניט סתם א "בן", נאר "בן אחר". ויש בזה צוויי פירושים - אין צוויי באזונדערע קצוות:

א) די עבודה פון "יוסף" באשטייט פון אויפטאן אויך מיט אידן וואס שטייען בדרגא נעלה אז זיי זאלן ווערן נאך העכער, באופן אז ער זאל זיין ניט בלויז א "בן" לאבינו שבשמים, נאר מ'פועל'ט אין אים א חידוש עד כדי כך אז ער ווערט ווי א "בן אחר", אינגאנצן אן אנדערער און שלא בערך העכערער "בן", לגבי מצבו לפנ"ז.

דאס הייסט: אפילו אויב ער איז שוין פריער געווען א צדיק גמור - באשטייט די עבודה פון "יוסף" אז מ'זאל אויך אויף אים פועל'ן אז ער (דער צדיק גמור) זאל נתעלה ווערן צו א דרגא שלא בערך נעלה יותר, וואס איז "אחר" לגמרי פון זיין מצב שלפנ"ז, אזוי אז ער ווערט איצטער אנגערופן "בן אחר" לגבי דרגתו שלפנ"ז, דורך דעם וואס ביי אים קומט צו די מעלה פון תשובה, וואס זייענדיק א צדיק גמור האט ער מצ"ע דערצו ניט געקענט צוקומען, "מקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין יכולין לעמוד בו"[64], און נאכמער - אין יכולין לעמוד שם, ער האט עס אפילו ניט ביכולת[65]. און דא פועל'ט א צווייטער אויף אים באופן פון "יוסף", אז ער זאל אויך באקומען מעלת התשובה - במילא ווערט ער א "בן אחר", אינגאנצן אנדערש און העכער פון דרגתו שלפנ"ז (צדיק גמור אליין).

ווערט גלייך די שאלה: ווי קען מען מאנען פון יעדערן אז ער זאל אויפטאן נאכמער שלימות ("יוסף", "בן אחר") אין א צדיק גמור?!

איז דאס מובן פון דער גמרא[66] - אז "אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים":

---

62) לקו"ש בשלח דשבוע זה ס"ג ואילך. וש"נ. 63) ראה סנהדרין לג, ב וברש"י שם. ובכ"מ. 64) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה,ד. 65) ראה לקו"ש ח"ט ע' 240 הערה 29. מאמר ד"ה מים רבים תשל"ח ס"ד. ובכ"מ. 66) ברכות ה, ב. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ער קען האבן אלע מעלות און זיין א צדיק גמור, אבער אויב ער איז א חבוש בבית האסורים ר"ל, מאיזה סיבה שתהי', ווייל נתפס בעון הדור, אדער מצד עצמו כו' - זאגט די גמרא א כלל אז "אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים", און בכדי פון דארטן ארויסצוגיין מוז ער אנקומען צו א צווייטן (וואס קען זיין אין א דרגא שלא בערך למטה יותר פון אים) אז יענער זאל אים עפענען די טיר, און דעמולט קען ער (דער צדיק גמור) ארויסגיין פון דארטן מיט זיינע אייגענע כחות.

וואס דערפאר איז קיין קשיא ניט ווי קען סתם א מענטש אויפטאן אן עילוי ("יוסף..בן אחר") אין א צדיק גמור - ווייל דער איש סתם טוט אויף מיטן צדיק גמור ניט מיט זיינע כחות, ער עפנט אויף פאר אים בלויז די טיר, און דער צדיק אליין גייט פון דארטן ארויס און קומט אן לדרגא נעלית יותר - "בן אחר" (דורך דעם וואס ער באקומט אויך מעלת התשובה) - מיט די אייגענע כחות.

ב) כפירוש הצ"צ[67] - אז פון אן "אחר" זאל מען מאכן א "בן".

דאס הייסט, אפילו ווען א איד איז אן "אחר", זיין הנהגה איז א הנהגה אחרת פון אידישקייט, ביז ר"ל ווי דער "אחר" פון גמרא[68], אדער עכ"פ "אחר" בדקות (לפי ערך ווי ער דארף זיין) - דארף מען פון אים מאכן א "בן", א אידן וואס אין אים זעט זיך אן אז ער איז א "בן" לאבינו שבשמים.

ובפשטות:

בשעת מ'טרעפט א איד וואס איז אן "אחר" בדקות אין געוויסע ענינים - קען מען לכאורה מאכן דעם חשבון אז ממה-נפשך: בנוגע צו די ענינים אין וועלכע ער איז כדבעי (ניט קיין "אחר") דארף ער צו אים ניט אנקומען, ובנוגע צו די ענינים אין וועלכער ער איז אן "אחר" איז ער ניט פון זיין וועלט - וויל ער מיט אים ניט האבן צוטאן.

זאגט מען אים, אז היות אז שמו - זייענדיק א חלק פון דעם דור וואס שם כל אנשי הדור איז על שם דער נשיא הדור - "יוסף", האט ער די הוראה, אז ער דארף זיך פארנעמען מיט יענעם צו מאכן פון דעם "אחר" א "בן" לאבינו שבשמים.

---

*66) ראה ד"ה אם רוח המושל תרצ"ה (סה"מ קונטרסים ח"ב שנח, ב ואילך).

67) אוה"ת ויצא רכ, א ואילך. ויחי שפו, א ואילך. שצז, ב ואילך. וראה ס' הליקוטים-דא"ח צ"צ ערך יוסף ס"א. וש"נ. 68) חגיגה טו, א. וראה שיחת ש"פ וארא, מבה"ח שבט שנה זו ס"ה ואילך.

וואס דאס איז די הוראה פון שם "יוסף" - "יוסף..בן אחר" - איןביידע קצוות:

מ'דארף אויפטאן מיט אלע אידן - סיי מיט איינעם וואס איז בדרגא נעלה, א צדיק גמור, דארף מען אים העלפן נתעלה ווערן צו א דרגא שלא בערך נעלה יותר, "בן אחר", לגבי דרגתו הקודמת. סיי מיט איינעם וואס איז בדרגא תחתונה - "אחר" - דארף מען פון אים מאכן א "בן" לאבינו שבשמים.

יג. ווערט די שאלה - אויף ביידע הוראות ופירושים אין "יוסף..בן אחר":

ווי קען מען זאגן צו יעדן אידן אז ער זאל אויפטאן מיט א צדיק גמור - ער האט אויף דעם ניט די כחות?!

ועד"ז, ווי קען מען פון אים מאנען צו מאכן פון אן "אחר" א "בן" - ס'איז דאך ידע אינש בנפשי' וואו ער אליין האלט, און מ'האט די הוראה פון תורה[69] "קשוט עצמך (תחלה) ואח"כ קשוט אחרים"?!

זאגט מען אים, אז דאס ווערט פארענטפערט אין דעם פסוק אליין - "יוסף ה' לי בן אחר": די עבודה פון "יוסף..בן אחר" ווערט ניט בכח עצמו, נאר בכח פון דעם אויבערשטן, נאר דערביי וויל דער אויבערשטער האבן אויך קב שלו - דארף א איד ארויסגיין און טאן די עבודה מיט אנדערע אידן. אבער ער גייט ניט מיט די אייגענע כחות נאר אלס א שליח פון דעם אויבערשטן, וואס שלוחו של אדם (העליון) כמותו, ביז כמותו (דהמשלח) ממש (כמבואר בלקו"ת פ' ויקרא[70]), און עס ווערט "יוסף ה' לי בן אחר".

וואס דערפאר איז קיין שאלה ניט ווי קען ער (סתם א מענטש) גיין אויפטאן מיט א צדיק גמור ער זאל ווערן "בן אחר" - ווייל ער גייט ניט מיט די אייגענע כחות נאר מיט די כחות פון דעם אויבערשטן.

ועד"ז - איז קיין שאלה ניט ווי ער גייט אויפטאן מיט אן "אחר" אז פון אים זאל ווערן א "בן", וועו דער סדר ע"פ תורה איז "קשוט עצמך (תחלה)" - ווייל ניט ער (עצמך - ווי ער שטייט במצב וואס ער דארף פריער אליין האבן א תיקון) גייט טאן מיט יענעם, נאר ער גייט אלס שליח כמותו פון דעם אויבערשטן, וואס דערפאר קען ער דאס טאן איידער "קשוט עצמך (תחלה)".

וואס דאס איז די עבודה פון דעם נאמען "יוסף" אלס א שם

---

69) ב"מ קז, סע"ב. וש"נ. 70) א, ג. וראה גם שו"ת הריב"ש סרכ"ח.



SichosKodesh.com

בפ"ע - און וועלכן עס דארף באשטיין די עבודה פון כל אנשי דור זה - ווייל שמם איז על שם נשיא הדור (הנשיא הוא הכל וגופא בתר רישא אזיל) - "יוסף" על שם "יוסף ה' לי בן אחר".

יד. דער פירוש און הוראה פון דעם נאמען "יצחק" בפ"ע - שטייט אויך בפירוש אין תורה שבכתב [וואס אפילו הצדוקים מודים בה, כנ"ל], אז דאס איז על שם "כל השומע יצחק לי"[71].

וואס די הוראה דערפון איז בפשטות - אז מ'דארף משמח זיין מענטשן, פועל'ן אז אנדערע זאלן זיין בשמחה.

און וויבאלד אז דער נאמען "יצחק" איז א שם בפ"ע (אפילו צוזאמען מיט שם "יוסף" שרייבט מען זיי מיט א הפסק ביניהם) - איז פארשטאנדיק אז די עבודה פון "יצחק" איז אן עבודה מצד עצמה (ניט תלוי אין קיין אנדערע תנאים) - ד.ה. דער עצם ענין פון מאכן א צווייטן אידן פריילעך, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב, אפילו אויב ער שטייט בדרגא נמוכה (כדלקמן).

טו. פרעגן די וואס "תואנה הם מבקשים": ס'איז א פיינער פשט, פשט'ל, רמז ודרוש - אבער וואו שטייט עס אין נגלה ובאופן נגלה (בגלוי)?

שטייט עס בפירוש אין גמרא:

די גמרא[72] דערציילט, אז "רב ברוקא חוזאה הוה קאי בשוקא כו', הוה שכיח אליהו גבי', אמר לי' (רב ברוקא לאליהו) מי איכא בהאי שוקא בר עלמא דאתי כו'". גייענדיק בשוק האבן זיי געטראפן צוויי ברידער, האט אליהו געזאגט לרב ברוקא "הנך נמי בני עלמא דאתי נינהו, אזל לגבייהו אמר להו מאי עובדייכו, אמרו לי' אינשי בדוחי (שמחים ומשמחים בני אדם[73]) כו'".

זעט מען דערפון דעם גודל הענין פון מאכן א צווייטן פריילעך, אפילו אזא וואס געפינט זיך בשוק - עד כדי כך אז צוליב דעם זיינען די ברידער געווארן בני עוה"ב נאך בחייהם (ווי איינער וואס האט געקענט דערקענען בזה (אליהו הנביא) האט מעיד געווען אויף זיי), וואס דאס איז דאך א חידוש גודל ביותר, ווייל בכלל איז "אין הקב"ה מייחד שמו על הצדיקים בחייהם"[74], אפילו ניט אויף די אבות[75] העולם[74], און א מענטש קען ניט זיין מובטח אז ער וועט האבן א חלק לעוה"ב ביז סוף החיים שלו, כמאחז"ל[76] "אל תאמין

---

71) וירא כא, ו. 72) תענית כב, א. נת' (גם) בכש"ט סי' ח. לז. נח. צ. ערב. שעה. 73) פרש"י שם. 74) תנחומא תולדות ז. פרש"י לא, מב. 75) ל' חז"ל - ירושלמי פ"י ה"א. ועוד. 76) אבות פ"ב מ"ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

"אל תאמין בעצמך עד יום כו'" - אעפ"כ, איז דער ענין פון מאכן אנדערע פריילעך אזוי גרויס, אז דאס האט גורם געווען אז די "אינשי בדוחי" זיינען געווארן זיכער בני עוה"ב נאך בחייהם, ד.ה. אין אנדערע ווערטער - אז דאס טוט אויף דער ענין הנצחיות (וואס דאס איז דער ענין פון עוה"ב)!

זעט מען פון דער גמרא א סיפור מפורש בגודל הענין פון מאכן אנדערע פריילעך, עד כדי כך אז דאס טוט אויף אז דער מענטש וואס טוט אין דעם ווערט א נצחי, א בן עוה"ב.

און וויבאלד אז דאס איז א סיפור אין גמרא, אין תורה מלשון הוראה[77], איז דאס זיכער א (תורה) הוראה נצחית פאר כאו"א.

טז. און דאס איז די הוראה פון שם יצחק - "כל השומע יצחק לי" - בפשטות: אז מ'דארף מאכן א צווייטן אידן פריילעך!

און (כאמור) וויבאלד אז "יצחק" איז א שם בפ"ע, איז מובן אז די עבודה פון אזא וואס האט דעם נאמען "יצחק" באשטייט פון דעם עצם ענין פון "יצחק" - צו מאכן א צווייטן אידן פריילעך, אן קיינע אנדערע תנאים, ד.ה. אז אויב ער איז א איד - דארף מען אים שוין דערפאר מאכן גלייך פריילעך לפי מעמדו ומצבו איצטער (אפילו אויב ער איז נאך ווייט פון אידישקייט), אן קיין שום אנדערע תנאים.

והטעם לזה (פארוואס מאכן יעדן איד פריילעך דארף ניט זיין תלוי במעמדו ומצבו ברוחניות) - ווייל דער אויבערשטער איז א עצם הטוב ומטבע הטוב להטיב[78], האט ער באשאפן אלע נבראים בעולם באופן של טוב, יעדערער האט אין זיך טוב (ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב), נאר אמאל קען עס שטיין בהעלם - דארף מען עס ביי אים בלויז מגלה זיין, און דורך דעם - מאכט מען אים פריילעך.

עאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן א איד - בנו יחידו של מלך מלכי המלכים הקב"ה (כדלקמן סל"ב) - איז דאך פארשטאנדיק אז בשעת מ'מאכט דעם אידן פריילעך, וואס פאר א שמחה דאס איז גורם למעלה!

און דאס איז דער דיוק "כל השומע יצחק לי":

די שמחה וצחוק ווערט ניט בלויז בא יחידי סגולה, בא אזא וואס איז א שומר תומ"צ, אזא וואס שטייט בדרגא נעלה, וכיו"ב -

---

77) זח"ג נג, ב. גו"א ר"פ בראשית בשם הרד"ק. 78) הובא בעמה"מ שער שעשועי המלך רפ"א. שעהיוה"א פ"ד. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 334 בהערה (ד"ה מספרי הח"ן). וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

נאר "כל השומע", יעדערער וואס הערט וועגן דעם, ניט קוקנדיק ווער ער איז און אין וועלכער דרגא ער שטייט - דארף מען פועל'ן אויף אים אז "יצחק לי".

ווי דער תוכן הכתוב ("כל השומע יצחק לי") איז בפשטות, אז יעדערער וואס האט דערפון געהערט, אפילו אבימלך ופיכול שר צבאו, וואס זיי האבן זיכער ניט געזארגט צי אברהם ושרה וועלן האבן א קינד אדער ניט - אבער בשעת זיי האבן געהערט אז אברהם ושרה זיינען דערפון שמח, איז די טבע פון א נארמאלן מענטש אז בשעת ער הערט א בשורה טובה ודבר שמח ביי א צווייטן (אפילו אויב ביי אים אליין איז דאס ניט קיין שמחה), איז אויך ער שמח, "יצחק לי".

און דאס איז דער פירוש הפשוט אין "כל השומע יצחק לי": "כל השומע", יעדערער וואס הערט נאר די בשורה טובה, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב ודרגא בעבודה - איז דאס ביי אים גורם אז "יצחק לי".

אויב מ'וועט זאגן אז דאס איז א שמחה נאר פאר אזא וואס איז א שומר תומ"צ וכיו"ב - איז דאס ניט "כל השומע יצחק לי"!

וכפשטות התוכן פון דעם סיפור הגמרא הנ"ל, אז דער אויפטו פון די תרי בדחי איז, אז זיי האבן משמח געווען מענטשן מיט דברים המשמחים בערך פון יענע מענטשן. און זיי האבן עס געטאן שטייענדיק בשוק, ד.ה. אז אפילו מענטשן וואס געפינען זיך אין שוק און שטייען בדרגת השוק, רשות הרבים - האבן זיי ניט געווארט ביז די מענטשן וועלן ארויסגיין פון שוק אין רשות היחיד, נאר ווי זיי געפינען זיך אין שוק האבן זיי די מענטשן פריילעך געמאכט דורך זאכן וואס זיינען דברים המשמחים פאר די מענטשן.

יז. דאס הייסט, אז מ'דארף מאכן יעדן אידן פריילעך בדרגתו הוא, מיט דברים המשמחים בערכו און לפי השגתו בהוה - ווייל דיין נאמען איז דאך "יצחק" אליין, וואס מיינט אז דו דארפסט מאכן אידן פריילעך אן קיינע אנדערע תנאים, איז אויב דו מאכסט אים ניט פריילעך מיט דברים המשמחים בערכו, און דו ווארטסט ביז ער וועט נתעלה ווערן צו א העכערע דרגא - פירסטו זיך איצטער ניט אין אן אופן פון "יצחק"!

וויבאלד דו הייסט איצטער "יצחק" על שם "כל השומע יצחק לי" - דארפסטו איצטער משמח זיין "כל השומע", ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב, מיט דברים המשמחים לפי ערכו: אויב דו קענסט אים משמח זיין מיט דברים רוחניים - מה טוב, אבער אפילו אויב ער איז אן איש פשוט, וואס וועט ניט שטיין בשמחה פון ענינים רוחניים - דארפסטו אים משמח זיין לויט זיין איצטיקער מעמד ומצב, אפילו

אויב ער איז אן איש פשוט און באקומט זיין שמחה פון דברים פשוטים.

זיכער ניט מיט קיין שמחה של הוללות ר"ל, נאר א שמחה פון א דבר טוב וקדוש, ווארום אע"פ אז אן איש פשוט קען שטיין בשמחה פון הוללות - איז אבער אויך ער פארשטייט אז אויב דאס וועט אים דערנאך מזיק זיין ר"ל, און ער וועט דערפון חרטה האבן - איז דאס לכתחילה ניט קיין שמחה אמיתית, דערפאר טאר טאקע ניט זיין קיין שמחה של הוללות ר"ל, נאר פון טוב וקדושה; אבער ביחד עם זה דארף מען מלביש זיין די שמחה אין ענינים וואס זיינען לפי ערכו און וואס וועלן אים מאכן פריילעך.

יח. ועפ"ז איז מובן די הוראה פון דעם נאמען "יצחק" אלס א באזונדער נאמען פון "יוסף":

יעדער איד פון דור זה האט דעם נאמען "יצחק" (אלס שם בפ"ע) על שם נשיא הדור - על שם "כל השומע יצחק לי". במילא האט יעדער איד פון דעם דור די שליחות צו מאכן "כל השומע", אלע אנדערע אידן, פריילעך.

און אין דעם גופא באשטייט די עבודה פון "יצחק" - דער עצם ענין פון מאכן א אידן פריילעך. ד.ה. ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב אין עניני אידישקייט ותומ"צ, האט מען לכל לראש א חיוב צו אים זאגן א בשורה טובה, אדער מגלה זיין אים א דבר טוב, וואס וועט אים פריילעך מאכן, אן קיין שום אנדערע תנאים,

אויך אן דעם תנאי אז פריער דארף מען טאן די עבודה פון "יוסף ה' לי בן אחר", אן עבודה רוחנית - אז מ'איז משפיע אויף דעם צווייטן אין עניני אידישקייט און תומ"צ, ענינים רוחניים, בכדי אים צו מאכן פון אן "אחר" א "בן" - ווייל שמו איז "יצחק" אליין, ניט תלוי אין "יוסף".

אמת טאקע אז דערצו איז אויך דא די עבודה פון "יוסף" ("יוסף ה' לי בן אחר"), אן עבודה המוכרחת צו מקרב זיין יעדן אידן צו אידישקייט כו' - אבער דאס איז א באזונדער שם און א באזונדער עבודה. און כשם ווי ס'איז דא די עבודה בפ"ע פון "יוסף", איז אויך "יצחק" א שם בפ"ע און אן עבודה בפ"ע - צו מאכן א אידן פריילעך ("כל השומע יצחק לי").

תכלית שלימות העבודה איז טאקע אז עס זאל אויך זיין "יוסף", און מ'זאל יענעם מקרב זיין צו אידישקייט - אבער אפילו לפני זה דארף מען טאן די עבודה פון "יצחק" בפ"ע, אז ווי יענער שטייט במעמדו ומצבו - זאל מען אים מאכן פריילעך (זיכער ניט מיט

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

א שמחה של הוללות ר"ל, נאר מיט א שמחה של טוב וקדושה, אבער - לפי ערכו, כנ"ל).

יט. דאס הייסט בפשטות:

איינער קען מיינען אז בשעת ער טרעפט א איש פשוט וואס איז נאך בדרגת "אחר", איז איידער ער וועט טאן די עבודה פון "יצחק", מאכן יענעם פריילעך, וועט ער פריער יענעם מקרב זיין צו אידישקייט און תומ"צ, וועט דעמולט זיין "פקודי ה' ישרים משמחי לב"[79] - א שמחה פארבונדן מיט רוחניות.

זאגט מען אים אז "יצחק" א שם בפ"ע (און אפילו צוזאמען מיטן נאמען "יוסף" - שרייבט מען דאס בפ"ע בהפסק ביניהם) און אן עבודה בפ"ע - לערנט עס אים אז ער דארף גלייך טאן די עבודה פון "יצחק" אלס אן ענין בפ"ע ניט ווארטנדיק אויף אנדערע תנאים. ד.ה. אז בשעת ער טרעפט דעם אידן, איז לכל לראש, דארף ער אויף אים פועל'ן אז "כל השומע יצחק לי" - ער דארף אים מאכן פריילעך!

אויב מ'קען אים מאכן פריילעך מיט זאגן אים אווארט אין תורה אדער אן אנדער ענין רוחני - מה טוב; אבער דער מצב איז ליידער, אז עס זיינען דא מענטשן וואס וועלן ניט שטיין בשמחה בשעת מ'וועט זיי זאגן אז ס'איז צוגעקומען א חידוש נפלא אין נגלה אדער אין חסידות... זיי ווייסן ניט פון דער גאנצער זאך, במילא מאכט עס זיי ניט פריילעך.

אבער אויך זיי גייען אריין אין דעם כלל פון "כל השומע", און דו האסט דאך דעם נאמען "יצחק" על שם "כל השומע יצחק לי" - דארפסטו יענעם מאכן פריילעך מיט ענינים וואס ער פארשטייט יע (ניט שמחה של הוללות ח"ו, אבער ענינים בערכו). און אויב דאס מיינט ענינים גשמיים - דארף מען אים משמח זיין מיט דברים גשמיים וואס שאפן פאר אים שמחה!

ובמכ"ש וק"ו פון זמן הבית - וואס דעמולט איז געווען "אין שמחה אלא בבשר" און "אין שמחה אלא ביין"[80], דברים גשמיים - עאכו"כ בזמן הגלות.

וכידוע די סיפורים פון דעם בעש"ט דערציילט דורכן בעל ההילולא - אז דער בעש"ט פלעגט ארומגיין און לכל לראש טאן א אידן א טובה בגשמיות ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב ברוחניות[81].

---

79) תהלים יט, ט. תענית ל, סע"א. טושו"ע או"ח ר"ס תקנד. 80) פסחים קט, א. 81) ראה לקו"ש ח"א ע' 261. וראה "התמים" חוברת ב ע' מד [סט, ב]. ועוד.

וויבאלד אז דער דער בעל ההילולא האט עס דערציילט - וואס דרכו איז ניט געווען סתם צו דערציילן שיינע סיפורים - נאר בכדי מ'זאל זיך דערפון אפלערנען, וכתורת הבעש"ט[82] אז פון יעדער זאך אין וועלט דארף מען זיך אפלערנען בנוגע צו זיך -

דארף מען זיך דערפון אפלערנען ווי די הנהגה דארף זיין ביחס צו אנדערע אידן - אז לכל לראש, איידער ס'איז דא דער ענין פון "יוסף ה' לי בן אחר" - דארף מען זיין "יצחק", אויפטאן אז "כל השומע יצחק לי". ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב - דארף מען אים זאגן א בשורה טובה אדער מגלה זיין דעם טוב שבו, וואס וועט פאר אים שאפן א שמחה וויבאלד אז דאס איז בערכו.

אויב מ'וועט מיט יענעם פריער רעדן וועגן ענינים רוחניים וואס ער פארשטייט און פרואוון אים איבערמאכן פון אן "אחר" צו א "בן" לאבינו שבשמים - וועט מען אים ניט משמח זיין; און מ'האט דאך איצטער גלייך די הוראה אז "כל השומע יצחק לי", מ'זאל אויף יעדערן פועל'ן אז ער זאל שטיין אין א תנועה פון "יצחק לי" - דעריבער דארף מען אים גלייך געבן דברים המשמחים בערכו וואס וועלן אים איצטער משמח זיין.

כ. ויש להוסיף, אז אין "כל השומע (יצחק לי)" איז כלול אויך די הוראה, אז מ'דארף אויפמאכן אז עס זאל זיין "כל השומע", ד.ה. אז מ'זאל אויפטאן מיט יעדער אידן - ער זאל ווערן א "שומע".

ובפשטות:

בשעת מ'טרעפט א אידן אין שוק, אן איש פשוט, וואס שטייט אין א מצב פון "אחר" (בדקות עכ"פ), און מ'רעדט מיט אים אנגעבלאזנערהייט, און מ'זאגט אים: הער זיך איין, דו שטייסט אין א נידעריקן מצב, און איך שטיי העכער פאר דיר, און מ'האט מיך געמאכט פאר א שליח צו רעדן מיט דיר און דיר מקרב זיין צו אידישקייט - פארשטייט מען דאך אז דורך דעם וועט יענער אפילו ניט ווערן א "שומע", עאכו"כ אז ער וועט ניט שטיין בשמחה באופן פון "כל השומע יצחק לי"!

בשעת מ'וועט יענעם פריער זאגן דברי מוסר, און אז ער דארף קלאפן "על חטא" און פאסטן תעניתים - וועט ער זיכער ניט זיין קיין "שומע", ועאכו"כ ניט "יצחק לי", ואדרבה - יענער וועט ניט וועלן הערן וואס מ'רעדט ווייטער מיט אים - אזוי האט דער אויבערשטער באשאפן טבע הדברים; וויבאלד אז ער איז א קארעקטער מענטש - וועט ער אפשר זאגן "אמן" און א דאנק, אבער

---

82) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סקכ"ז ואילך.



SichosKodesh.com

א "שומע" וועט ער ניט בלייבן!

משא"כ בשעת מ'רעדט מיט אים בדרכי נועם ובדרכי שלום – וואס דוקא דאס איז דרך התורה, ש"דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום"[83] – ואדרבה, ניט דרכי נועם ודרכי שלום איז היפך התורה – און מ'איז יענעם מסביר אז ער האט אין זיך דברים טובים, ווייל אזוי האט דער אויבערשטער (וואס ער איז עצם הטוב ומטבע הטוב להטיב) באשאפן יעדער נברא, און מ'רופט ביי אים ארויס שמחה דורך זאגן אים ענינים שבערכו ולפי השגתו – דעמולט ווערט יענער א "שומע", ביז א "שומע" וואס איז "יצחק לי"!

ואדרבה – דוקא דורך דער עבודה אין אן אופן פון "יצחק" ("כל השומע יצחק לי") קען מען דערנאך ממשיך זיין מיט דער עבודה פון "יוסף", ווייל לאחרי ווי ער האט יענעם געטאן א טובה בגשמיות און יענעם משמח געווען, האט יענער צוטרוי און וועט ווייטער הערן וואס מ'רעדט מיט אים.

כא. וע"פ הנ"ל זיינען מובן די צוויי באזונדערע עבודות און הוראות פון די צוויי באזונדערע נעמען פון דעם בעל ההילולא – און פון כל הדור כולו – "יוסף" און "יצחק", יעדערער אן עבודה בפ"ע ניט אפהענגיק אין די צווייטער עבודה;

אבער ביחד עם זה, וויבאלד אז זיי ווערן ביידע אן איין און איינציקער נאמען פון דער איין און איינציקן מענטשן, אידן – ווייזט עס אז די עבודה פון כל אנשי הדור איז צו טאן ביידע עבודות צוזאמען, וכדלקמן.

כב. ויה"ר אז דורך דעם וואס מ'וועט טאן די עבודה באופן פון "יוסף" און "יצחק", בהתאם לשמו של בעל ההילולא, וואס בתר רישא גופא אזיל – וועט עס נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, וואס איז פארבונדן דוקא מיט יצחק, כמבואר במס' שבת[84] (וואס האט א שייכות מיט דעם טאג – יום השבת),

און דעמולט וועט זיין די שלימות השמחה – דער קיום היעוד פון "אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רינה"[85], "בשוב ה' את שיבת ציון"[86],

במהרה בימינו ממש ובעגלא דידן.

* * *

---

83) משלי ג, יז. 84) פט, ב. וראה תו"א יז, ג. כא, ג. ובכ"מ. 85) תהלים קכו, ב. וראה ברכות לא, א. 86) תהלים שם, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

כג. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה באתי לגני.

* * *

כד. אין א התוועדות ביום השבת איז אויך רגיל צו אפלערנען א פסוק פון פרשת השבוע צוזאמען מיט פירוש רש"י.

וכמדובר כמ"פ[87], אז אע"פ וואס אין פירוש רש"י איז דא "יינה של תורה", ווי דער בעל ההילולא האט מגלה געווען בשם דעם אלטן רבי'ן[88], איז אבער פרש"י לכל לראש – פשוטו של מקרא, "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא"[89], און וויבאלד אז לימוד המקרא איז שייך שוין צו א "בן חמש שנים (למקרא)" (כמאמר המשנה[90]) – איז פארשטאנדיק אז פרש"י דארף זיין לכל לראש מובן פאר א "בן חמש למקרא".

און אזוי ווי אלע ענייני התורה – דארף מקרא ופרש"י על המקרא (פשוטו של מקרא) זיין מובן פאר א "בן חמש למקרא" באופן פון "תשים לפניהם"[91], ער זאל עס קענען פארשטיין בפשטות דעם פירוש המקרא פון פרש"י אליין, און ניט דארפן גיין זוכן אין אנדערע ספרים און מפרשי רש"י, אפילו בדורו של רש"י, עאכו"כ בדורות שלאח"ז. ומזה גם מובן אז רש"י האט געשריבן פירושו באופן פון "לא פחות ולא יותר", ד.ה. אז דארטן פעלט גארניט וואס דארף האבן ביאור בפשוטו של מקרא, און דארטן זיינען ניטא קיינע איבעריקע זאכן וואס מ'דארף ניט האבן בכדי וויסן פשוטו של מקרא.

וביחד עם זה זיינען אויך דא פירושים אין פרש"י ע"ד הרמז והדרוש והסוד, ביז "יינה של תורה", אין פרש"י; אבער כאמור, לכל לראש איז פרש"י פשוטו של מקרא פאר א בן חמש למקרא, ולאחרי זה קען מען מדייק זיין און לערנען רש"י מער בעיון, והפך בה והפך בה דכולא בה[92] – וועט מען זיכער געפינען פירושים לויט די אנדערע דרכים בלימוד בתורה (רמז דרוש וסוד), ולפום צערא אגרא – וואס מער מ'וועט אין דעם הארעווען, אלס מער וועט מען געפינען פירושים. ווארים וויפל מ'וועט נאר געפינען, זיינען זיכער דא נאכמער, וויבאלד אז תורה איז "ארוכה מארץ מדה ורחבה מיני ים".

כה. אזוי אויך בנוגע צו א פירוש רש"י בפרשתנו – קאפיטל טו פסוק טו – וואו עס שטייט "אז נבהלו אלופי אדום אילי מואב יאחזמו רעד", און רש"י איז מפרש: "והלא לא הי' להם לירא כלום

---

87) ראה לקו"ש ח"ה בתחלתו. 88) "היום יום" כט שבט. 89) פרש"י בראשית ג, ח. ועד"ז שם, כד. ועוד. 90) אבות פ"ה מכ"ב. 91) משפטים כא, א. וראה פרש"י שם. 92) אבות שם מכ"א.



SichosKodesh.com

שהרי לא עליהם הולכים [ווי דאס איז בנוגע צו כנען - כהמשך הכתוב "נמוגו כל יושבי כנען", "עלינו הם באים לכלותינו ולירש את ארצינו"], אלא מפני אנינות שהיו מתאוננים ומצטערים (זיי האבן געקלאגט) על כבודם של ישראל" - זיינען אין דעם זיכער דא פירושים ע"ד הרמז הדרוש והסוד, "יינה של תורה", אבער לכל לראש דארף עס זיין פארשטאנדיק ע"ד הפשט פאר א בן חמש למקרא.

ווערט דא גלייך א שאלה ע"ד הפשט:

אויב צוליב דעם טעם פון "אנינות", "שהיו מתאוננים ומצטערים על כבודם של ישראל" (און ניט צוליב דעם וואס זיי האבן מורא געהאט אז אידן וועלן זיי כובש זיין, ווי דאס איז בנוגע צו כנען) - פארוואס זיינען אין דעם אויסגעטיילט דוקא אדום ומואב, אז דוקא זיי זיינען געשטאנען אין א מצב פון "נבהלו" ("נבהלו אלופי אדום אילי מואב"), און ניט שאר כל העמים?!

ובפרט אז אין דער פסוק שלפנ"ז שטייט טאקע "שמעו עמים ירגזון", ופרש"י "מתרגזין", ד.ה. אז אלע עמים (ניט נאר אדום ומואב) מתרגזין ווען זיי הערן (שמעו) וועגן דעם וואס פאסירט מיט אידן - היינט פארוואס שטייט אין דעם פסוק שלאח"ז אז "נבהלו" נאר "אלופי אדום אילי מואב" (לויט פרש"י אז דאס גייט ניט אויף פחד מפני הכיבוש, נאר "שהיו מתאוננים ומצטערים על כבודם של ישראל")?

ד.ה. אין אנדערע ווערטער: לויט פרש"י אז "נבהלו" אדום ומואב גייט ניט אויף יראה מפני הכיבוש, נאר "שהיו מתאוננים ומצטערים על כבודם של ישראל" - וואס איז דער חילוק צווישן "שמעו עמים ירגזון (מתרגזין)" בפסוק שלפנ"ז, כל העמים, און דעם פסוק "נבהלו אלופי אדום אילי מואב גו'", נאר אדום ומואב?

כו. דער רא"ם שרייבט, אז עס שטייט אין מכילתא עה"פ [וואס בכמה דפוסי רש"י שטייט אז דער פירוש איז גענומען פון "מכילתא"], "אם תאמר שהם באים לירש את ארצם והלא כבר נאמר[93] אתם עוברים בגבול אחיכם בני עשו וגו' ונשמרתם מאד אל תתגרו בם", ועד"ז בא מואב - "אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה"[94], במילא וואס קומט לערנען "אז נבהלו אלופי אדום אילי מואב גו'"? ענטפער דער מכילתא - אז דער "נבהלו" איז געווען "מפני אנינות".

ועפ"ז איז לכאורה מובן פארוואס דא שטייט דוקא אדום ומואב (און ניט שאר העמים), ווייל דוקא זיי האבן ניט געהאט וואס צו

93) דברים ב, ד-ה. 94) שם, ט.

מורא האבן מפני הכיבוש (וויבאלד אז ס'איז געווען דער ציווי פון "אל תתגרו בם", "אל תצר את מואב".

דער רא"ם אבער פרעגט אויף די דברי המכילתא: "ואלו הדברים תמוהים מאד שהרי לא צוו ישראל באזהרות הללו של אדום ושל מואב אלא בשנת הארבעים", משא"כ שירת הים ("אז נבהלו אלופי אדום גו'") איז געזאגט געווארן בשנה ראשונה.

דאס איז אבער אלץ לויט ווי דער רא"ם איז דאס מבאר - וואס דער רא"ם קומט אלעמאל מתווך זיין צווישן פרש"י מיט דרך ההלכה והדרוש (אין מכילתא וכיו"ב), כמדובר כמ"פ;

אבער לכל לראש (איידער מ'לערנט פרש"י ווי דאס איז בהתאם צו הלכה כו') דארף מען לערנען פשוטו של מקרא בפרש"י פאר א בן חמש למקרא וואס האט נאך ניט געלערנט הלכה און מכילתא (כנ"ל). וע"פ פשוטו של מקרא בפרש"י זה קען מען לכתחילה ניט לערנען ווי עס שטייט אין מכילתא [נוסף אויף דעם וואס דער רא"ם שרייבט, ווייל די ציוויים זיינען נאך ניט אנגעזאגט געווארן, במילא ווייסן נאך ניט דערפון אדום ומואב] - ווייל די ציוויים שטייען ערשט שפעטער אין חומש (אין חומש דברים) וואס דער בן חמש למקרא האט נאך ניט געלערנט.

במילא מוז מען זאגן, אז דאס וואס רש"י שרייבט "לא הי' להם (אדום ומואב) לירא כלום שהרי לא עליהם הולכים" איז ניט מצד די ציווים הנ"ל, נאר ווייל ע"ד הפשט דא איז מובן אז זיי האבן ניט וואס מורא האבן (ניט מצד א ציווי מיוחד נאר בנוגע צו אדום ומואב נאר) ווייל אלע עמים (חוץ פון כנען) האבן ניט וואס צו מורא האבן פאר כיבוש. און דאס וואס "נבהלו" איז "מפני אנינות".

במילא קערט זיך אום די שאלה, פארוואס שטייט אין פסוק נאר אדום ומואב און ניט שאר העמים?

דער רא"ם שרייבט ווייטער, אז ווייטער אין מכילתא שטייט, אז אדום האט מורא געהאט אז "עכשיו הם (בני ישראל) באים לעורר מריבה ששיטם אבינו לאביהם שנאמר[95] וישטום עשו את יעקב", ועד"ז מואב האבן געטראכט אז "עכשיו הם באים לעורר מריבה שבין אבינו לאביהם שנאמר[96] ויהי ריב וגו'", און דער רא"ם איז דאס מתווך מיט פרש"י ("שהיו מתאוננים ומצטערים על כבודן של ישראל").

אבער כאמור לעיל - דאס איז לויט דרך הרא"ם צו מתווך זיין רש"י מיט מכילתא כו'; אבער בפשוטו של מקרא קען מען לכתחילה

---

95) תולדות כז, מא. 96) לך יג, ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ניט זאגן אזוי (ראה גם גו"א כאן) - ווייל רש"י שרייבט נאר "שהיו מתאוננים ומצטערים על כבודם של ישראל" און שרייבט בפירוש ניט, אפילו ניט ברמז, אז זיי האבן מורא געהאט אז אידן וועלן מעורר זיין די מריבה בין אבותיהם!

כז. האמור לעיל איז א שאלה פון דעם בן חמש למקרא על אתר; דערנאך איז דא נאך א שאלה וואס ווערט לויט דעם וואס מ'וועט לערנען ווייטער אין חומש:

בפ' בלק[97] וועט מען לערנען אז מואב האט בפירוש שטארק מורא געהאט פאר אידן - "ויגר מואב מפני העם מאד כי רב הוא גו' ויאמר מואב גו' עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור את ירק השדה".

ואדרבה: מואב האט געהאט מער מורא ווי כנען - ווייל בלק האט געזאגט "ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור את ירק השדה", דאס הייסט, אז ס'וועט גארניט בלייבן, משא"כ כיבוש כנען איז געווען אין אן אופן וואס מ'האט געגעבן די אומות א ברירה צו אוועקגיין בשלום, ווי גרגשי האט געטאן, "פנה מפניהם מאליו"[98].

היינט ווי שרייבט רש"י אז "לא הי' להם (מואב כו') לירא כלום שהרי לא עליהם הולכים" - בשעת אז בפועל האבן זיי מורא געהאט?!

ואע"פ אז דאס איז ניט קיין קשיא על אתר ווען דער בן חמש לערנט די רש"י בפרשתנו, ווייל ער ווייסט נאך ניט פון דעם וואס שטייט אין פ' בלק אז זיי האבן בפועל מורא געהאט - אבער ווען ער וועט עס לערנען בפ' בלק, וועט ער פרעגן אויף דער רש"י בפרשתנו, דארף רש"י פאר אים דארטן באווארענען ווי דאס שטימט, און רש"י איז דאס דארטן ניט מפרש.

מיט נאך כמה דיוקים וועלכע דארפן אלע זיין פארשטאנדיק פון רש"י ניט פארלאזנדיק זיך אויף אנדערע ספרים ומפרשים - וכפי שיתבאר לקמן.

כח. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו זיינען דא כמה הערות וואס זיינען פארבונדן מיט די ענינים המדוברים לעיל בקשר מיטן יום ההילולא - אז מ'דארף ניט בלייבן פאר זיך, נאר יעדערער דארף זיך משתדל זיין זיך צו פארנעמען מיט אנדערע אידן און מפיץ זיין יהדות און די מעינות, און טאן אין דעם בדרכי נועם ובדרכי שלום - כדלקמן.

---

97) כב, ג ואילך. 98) פרש"י תשא לג, ב. לד, יא.

הנחת הת' בלתי מוגה

אין דער ערשטער הערה[99] שטעלט זיך דער טאטע אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר פרשתנו[100] אז "בשעתא דדינא תליא בעלמא (ביומא דינא – ראש השנה) לא יתפרש בר נש בלחודוי ולא יתרשים לעילא ולא ישתמודעון בי' בלחודוי, דהא בזמנא דדינא תליא בעלמא אינון דאשתמודעון ורשימין בלחודייהו אע״ג דזכאין אינון, אינון אתפסן בקדמיתא, ועל דא לא לבעי לי' לאיניש לאתפרשא מבין עמא לעלם דבכל זמני רחמי דקודשא בריך הוא על עמא כלהו כחד".

און דער טאטע ברענגט אין דער הערה פון דעם וואס עס שטייט בזהר במקום אחר[101], אז "בר נש כד צלי צלותי' לא יימא עלי' זכרני ופקדני בגין דאיכא כו' זכירה ופקידה לביש וזמינין לנטלא מלה מן פומא ואתיין לאדכרא חובוי דב״נ ולענשא לי', בר אי איהו זכאה שלים דכד בדקי חובוי ההיא זכירה ופקידה לביש לא ישכחון לון, כגון עזרא דאמר[102] זכרה לי אלקי לטובה". וואס דערפון קומט אויס אז דער וואס "זכאה שלים" האט ניט וואס צו מורא האבן פון דין.

און ער איז מבאר אין דער הערה: "י״ל התם [בזהר פ' ויצא] בכל השנה אי איהו זכאה שלים שרי לי' למימר זכרה לי כו', וכאן [בזהר בפרשתנו] הוא בר״ה שהוא יומא דדינא ביחוד אפילו זכאין ג״כ לא שרי להו להיות רשימין בלחודייהו. גם י״ל התם הוא זכאה שלים, שלים לו שרי, וזכאין סתם לא שרי", "זכאה שלים הוא צדיק גמור משא״כ זכאין סתם הוא צדיקים שאינם גמורים או בינונים, גם זכאה שלים הוא מי שאינם ניזונים בצדקתו של הקב״ה אלא הם בחי' אביר״י לב הרחוקים מצדקה שנזונים בזרוע, וזכאין סתם הוא מי שניזונין בצדקתו של הקב״ה)".

דאס הייסט, אז א מענטש דארף זיך בכלל משתדל זיין ניט צו זיין אליין, נאר צוזאמען מיט אלע אידן, וועט דאס אים אפהיטן פון דינים כו' (סיידן ס'איז א זמן ווען ס'איז ניטא דינים בעולם, אדער ער איז א מענטש, א צדיק גמור, וואס האט קיין שייכות ניט מיט דינים).

אין א צווייטער הערה בפרשתנו[103] איז דער טאטע מבאר באותיות הקבלה דאס וואס עס שטייט אין זהר[104] "מלין דאורייתא אינון ארחא למזכי בההוא נועם ה' דכתיב דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום, דרכי נועם ודאי כו', בגין דאורייתא וארחוי

---

99) לקוטי לוי״צ ריש פרשתנו - ע' סא. 100) מד, ב. 101) זח״א קס, ריש ע״ב. 102) נחמי' ה, יט. שם יג, לא. 103) לקוטי לוי״צ שם. 104) פרשתנו נז, סע״ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מההוא נועם אתיין כו', א"ר חייא תנינן בשעתא דקב"ה יהב אורייתא לישראל נפק נהורא מההוא נעם וכו'".

דער טאטע איז אבער ניט מבאר - כמדובר כמ"פ - די הוראה דערפון בעבודת האדם. וכדלקמן - בקשר מיט דער הוראה פון דעם שיעור רמב"ם דיום ההילולא כו'.

כט. מ'איז זיך דאך אויך משתדל צו מקשר זיין די ענינים המדוברים (בנדו"ד - בקשר מיטן יום ההילולא און בקשר מיט דער הערה אויפן זהר) מיטן שיעור היומי בספר הרמב"ם, בעניננו (א התוועדות פארבונדן מיט דעם יום ההילולא) - בעיקר מיטן שיעור רמב"ם פון דעם יום ההילולא[105].

אין דעם ערשטן פרק פון דעם שיעור רמב"ם דיום ההילולא שרייבט דער רמב"ם[106] וועגן דעם דין פון "כופין על מדת סדום"[107], אז אין א פאל וואו זה נהנה וזה לא חסר[108] - ווי דער רמב"ם ברענגט דארטן א פאל - איז כופין אותו, ווייל "זו מדת סדום". און דער רמב"ם איז מסיים: "וכן כל דבר שזה נהנה בו ואין חבירו מפסיד ואין חסר כלום כופין עליו".

דער מקור אויף דעם דין איז שוין אנגעצייכנט אין מפרשי הרמב"ם[109], און אויך אין דעם ספר מראי מקומות להרמב"ם - פון דער גמרא אין בבא בתרא[110] כו'. והיות אז עס זיינען דא א ריבוי ספרים ומפרשים אויף בבא בתרא - קען מען אריינקוקן אין די ספרים און געפינען א ריבוי ענינים בקשר מיט די זאכן וואס רעדן זיך אין די סוגיות במס' בבא בתרא, ובמילא אויך פארבונדן מיט די הלכות אין רמב"ם געננומען און פארבונדן מיט די סוגיות.

אעפ"כ איז מען דאך רגיל ארויסנעמען אן ענין אין מוסר ועבודת ה' פון דעם שיעור אין רמב"ם, און אויך בנוגע צו אן ענין (אין נגלה) אין רמב"ם גופא - איז דאך להיפטר בלא כלום אי אפשר - וועט מען עכ"פ דערמאנען א חקירה אין דעם ענין פון זה נהנה וזה לא חסר שכופין עליו, און אויך - אן ענין וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען בעבודת ה', כדלקמן.

אין דעם דין פון "כופין על מדת סדום" (זה נהנה וזה לא חסר), איז דא א חקירה: וואס איז אויב ער איז זיכער חסר בלאו

---

105) הל' שכנים פ"ז-ט. 106) שם פ"ז ה"ח. 107) ב"ב יב, ב (וש"נ). נט, א. קסח, א. ועוד. 108) ראה רש"י ד"ה על מדת סדום ותוד"ה כגון זה - ב"ב יב, ב. רש"י ד"ה לימא - שם קסח, א. ועוד. 109) מגיד משנה. ועוד. 100) ז, א.

הכי, לדוגמא: ער וועט זיכער סיי-ווי געבן צדקה (במילא וועט ביי אים זיין חסר ממון), נאר עס קען זיין אז ער זאל גלייך איצטער געבן די צדקה צו איינער וואס נויטיקט זיך אין דעם, וועט זיין "זה נהנה", אדער ער וועט געבן די צדקה שפעטער ווען ער וועט וועלן - צי דעמולט זאגט מען אז כופין אותו אז ער זאל עס געבן גלייך:

פון איין זייט קען מען זאגן, אז אויך אין אזא פאל איז כופין אותו ער זאל גלייך געבן די צדקה צו דעם וואס נויטיקט זיך אין דעם - ווייל זיל בתר טעמא: כשם ווי אין א פאל פון זה נהנה וזה לא חסר זאגט מען אז כופין אותו ווייל ס'איז מדת סדום ער זאל עס ניט טאן, אזוי אויך אין א פאל וואס ער וועט זיין חסר בלאו הכי (נאר - לאחרי זמן), איז דאס אויך אכזריות ער זאל יענעם ניט גלייך געבן די צדקה, ווייל דורך דער הנאה פון דעם צווייטן פארלירט ער גארניט (וויבאלד אז ער וואלט סיי-ווי אוועקגעגעבן די געלט), במילא איז דאס אויך א פאל פון זה נהנה וזה לא חסר, ווייל ביחס צו דער הנאה פון דעם צווייטן פארלירט ער גארניט.

אדער מ'קען זאגן, אז אזא פאל גייט ניט אריין אין דעם גדר פון מדת סדום, וואס רעדט זיך דוקא אין פאל וואס זה נהנה וזה לא חסר בכלל, אבער אין דער פאל איז ער יע חסר.

וואס דער ענין איז נוגע ספעציעל איצטער:

עס זיינען דא אזוינע וואס מ'ווייסט אז זיי וועלן זיכער געבן צדקה בלאו הכי - צוליב זייער עסק, אדער צוליב כבוד, וכיו"ב, און ביי אים איז ניטא קיין נפק"מ צי ער וועט עס געבן דעם אדער א צווייטן, געבן איצטער אדער שפעטער, קען ער עס גלייך געבן צו אזא וואס וועט דערפון הנאה האבן און אים וועט גארניט פעלן דורך געבן דאס אים (וויבאלד אז ער וועט עס געבן בלאו הכי) - אעפ"כ, צוליב דעם וואס דער צווייטער טוט אין דעם ענין פון "מיהו יהודי" וכדומה, שפארט ער זיך איין און גיט אים ניט די צדקה און האלט עס בכדי אפצוגעבן א צווייטן!

איז דא די חקירה הנ"ל - צי דאס גייט אריין אין גדר פון מדת סדום, און כופין אותו, וויבאלד אז זיל בתר טעמא, און ס'איז א פאל פון זה נהנה וזה לא חסר דורך געבן פלוני די צדקה; אדער מ'זאל זאגן, אז אפילו אויב דאס איז ניט קיין הנהגה טובה, גייט עס אבער ניט אריין אין גדר פון מדת סדום (וויבאלד אז ער איז חסר ממון).

ובהמשך לזה קומט ארויס נאך א חקירה:

צי דער דין פון "כופין על מדת סדום" (זה נהנה וזה לא חסר)

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

- זאגט מען (ניט נאר בנוגע צו א יחיד, נאר) אויך בנוגע צו א קבוצה פון מענטשן (וואס בא זיי וועט זיין חסר בלאו הכי?) - צי מ'איז זיי כופה צו געבן צדקה צו אנדערע מענטשן מחוץ להקבוצה וואס נויטיקן זיך גלייך אין דעם:

פון איין זייט קען מען זאגן, וויבאלד אז עס רעדט זיך וועגן א קבוצה פון כמה מענטשן, קענען זיי טענה'ן אז זיי ווילן געבן (און זיי גיבן טאקע) די צדקה צווישן זיך אליין, און ניט צו אנדערע מענטשן (מחוץ לקבוצה זו) - במילא קען מען זיי ניט כופה זיין דאס צו געבן צו אנדערע;

אדער מ'קען זאגן, אז דער מקור אויף דעם גאנצן ענין איז פון סדום (כופין על מדת סדום) - א גאנצע קבוצה וואס האט זיך געפירט באופן פון ניט טאן א דבר טוב ווען זה נהנה וזה לא חסר - איז זיכער אז דערפון לערנט מען אויך אפ בנוגע צו יעדער קבוצה פון מענטשן, אז כופין אותם צו געבן גלייך די צדקה צו אנדערע מענטשן (מחוץ להקבוצה) וואס נויטיקן זיך אין דעם.

ל. די הוראה דערפון בנוגע לפועל - בנוגע מצות נתינת הצדקה פון כאו"א

[כולל אויך ניט-אידן, כידוע*110 אז דער חיוב פון צדקה אפילו בא בני נח (דערפאר האט מען מעניש געווען אנשי סדום באופן הכי חמור אויף דעם וואס "יד עני ואביון לא החזיקה"111). און דאס וואס צדקה ווערט ניט גערעכנט צוזאמען מיט די ז' מצות ב"נ יש לומר: (א) דערפאר וואס די ז' מצות ב"נ אנטהאלטן בלויז דעם סוג ציווים פון "שב ואל תעשה"*111. (ב) מצות צדקה איז נכלל אין מצות "דינין" (וואס תוכנה איז - ישוב העולם)112].

בשעת עס רעדט זיך וועגן א אידן (אדער א מענטשן) וואס געפינט זיך אין אן אנדער שטאט - קען איינער מיינען, אז ער האט קיין שייכות ניט מיט יענעם, במילא דארף ער זיך ניט זארגן וועגן געבן יענעם צדקה.

זאגט מען אים, אז ער האט דעם חיוב צו געבן צדקה ניט נאר צו די מענטשן אין זיין שטאט, נאר אויך צו די וואס געפינען זיך אין אנדערע שטעט - ווארום ער האט דער חיוב פון "נתן תתן" - "אפילו מאה פעמים"*112, וכמבואר בחז"ל אז "מאה פעמים" איז

---

*110) ראה סנהדרין נז, ב. 111) יחזקאל טז, מט. וראה לקו"ש ח"ה ע' 155 ואילך ובהערות שם. *111) ראה ר"ן ורמ"ה סנהדרין נו, ב. לקו"ש שם ע' 157. ח"כ ע' 102 הערה 28. אנציקלופדי' תלמודית ערך בן נח ס"ע שנז, וש"נ. 112) ראה אנציקלופדי' שם ע' שנו הערה 265. ע' שנז הערה 332. לקו"ש שם. *112) ראה טו, י ובספרי ופרש"י עה"פ.

א גוזמא, ד.ה. א גוזמא ניט נאר אויף פחות מזה נאר אויך אויף מער דערפון, אז וויפל צדקה ער האט געגעבן, דארף ער ווייטער געבן (אויב ס׳איז ביכלתו) צו די וואס נויטיקן זיך אין דעם, אפילו אויב זיי געפינען זיך אין אן אנדער שטאט.

און דער הכרח לזה איז מובן פון דעם זהר און די הערות אויפן זהר הנ״ל - אז ״לא לבעי לי׳ לאיניש לאתפרשא מבין עמא לעלם דבכל זמני רחמי דקודשא בריך הוא על עמא כלהו כחד״. ד.ה. בשעת ער פארבינדט זיך מיט נאך אידן, דורך געבן זיי צדקה וכיו״ב, איז דאס פאר אים אליין א טובה, דאס באווארנט דעם ענין פון דינים כו׳.

און דער אופן ווי ער דארף נתאחד ווערן מיט אנדערע אידן דארף זיין בדרכי נועם ובדרכי שלום - כמבואר אין דעם צווייטן זהר והערות על הזהר בענין ״נועם״, אז תורה איז ״דרכי׳ דרכי נועם וכל נתיבותי׳ שלום״, כנ״ל.

וכמובן, אז דאס איז כולל אויך צדקה רוחניות - אז מ׳זאל מפיץ זיין יהדות און די מעינות צו יעדער אידן וועמען מ׳קען דערגרייכן.

ועפ״ז איז מובן דער קשר דערפון צו דעם יום ההילולא - כמדובר לעיל אז דער שם פון כל אנשי הדור איז ״יוסף יצחק״ על שם בעל ההילולא, נשיא דורנו, וואס בתר רישא גופא אזיל.

ד.ה. אז די שליחות פון כל אנשי הדור איז צו טאן די עבודה פון ״יוסף״ און די עבודה פון ״יצחק״ - וואס ביידע זיינען אן ענין פון צדקה רוחניות: די עבודה פון ״יוסף ה׳ לי בן אחר״, מיט ביידע פירושים בזה, א) מאכן פון א צדיק גמור אז ער זאל נתעלה ווערן צו א דרגא נעלה יותר אזוי אז ער ווערט א ״בן אחר״, און ב) מאכן פון אן ״אחר״ א ״בן״ לאבינו שבשמים, און די עבודה פון ״יצחק״ - מאכן פריילעך יעדער אידן וואס מ׳טרעפט, כנ״ל בארוכה.

און דערנאך קומט צו אז מ׳דארף טאן ביידע עבודות צוזאמען - ווייל ״יוסף יצחק״ איז דער איין און איינציקער נאמען פון נשיא הדור, ובמילא פון כל אנשי הדור.

לא. והביאור בזה - ווי די ביידע עבודות (פון ״יוסף״ און ״יצחק״) קומען צוזאמען און יעדערער איז מוסיף אין דעם צווייטן:

די עבודה פון ״יוסף ה׳ לי בן אחר״ קען מען טאן צו יוצא זיין, קאלט-בלוטיקערהייט, און אנגעבלאזן, ובלשון חז״ל (אין מס׳ סוטה[113]) - ״מה חובתי ואעשנה״.

---

113) כב, ריש ע״ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און ער קען מיינען אז דערמיט האט ער יוצא געווען די עבודה פון "יוסף" און מער דארף ער ניט טאן.

זאגט מען אים אז די עבודה פון "יוסף" דארף ער טאן אין אן אופן פון "יצחק" - מתוך שמחה, סיי אז ער אליין זאל עס טאן בשמחה און ניט סתם צו יוצא זיין, און סיי אז באם צווייטן (מיט וועמען מ'טוט אויף "יוסף ה' לי בן אחר") זאל עס זיין בשמחה, ד.ה. אז ער זאל ווערן א "בן אחר" אדער פון אן "אחר" א בן - ניט געצוואונגענערהייט, נאר מתוך שמחה וטוב לבב, וואס דעמולט איז די עבודה פון "יוסף" אויך מיט מער הצלחה, כנראה במוחש.

לב. עד"ז דארף די עבודה פון "יצחק" זיין אין אן אופן פון "יוסף":

מ'קען טאן די עבודה פון "יצחק" אליין - מאכן פריילעך נאך א אידן, און מיינען אז דאס איז שוין גענוג, ווארום ער האט דערמיט אויפגעטאן א געוואלדיקער ענין - ער האט משמח געווען נאך א אידן!

וכידוע תורת הבעש"ט[114], אז יעדער איד איז טייער בא דעם אויבערשטן ווי א בן יחיד (ובת יחידה) וואס איז געבארן געווארן ביי עלטערן לעת זקנותם. און נאך טייערער.

און ווי דער מגיד איז עס מבאר בריש ותחלת ב' ספריו לקוטי אמרים ואור תורה [דאע"פ וואס תלמידיו האבן עס געשריבן און אזוי אויסגעשטעלט[115] - איז דאך דאס בהשגחה פרטית], אז דער אויבערשטער און אידן זיינען כמשל אב ובן, און ישראל עלה במחשבה של הקב"ה[116] (קודם הבריאה) איז כמשל ווי צורת הבן וואס איז נחקק במחשבה של האב, און באם אויבערשטן איז שייך זאגן אז "אף קודם שנבראו ישראל הי' נחקק צורתם במחשבה..כי אצלו יתברך העבר והעתיד א'"[117],

און דער ענין גופא (שעלה ישראל במחשבה ונחקק צורתם במחשבה של הקב"ה קודם שנבראו) איז דאך א צמצום, וואס דער אויבערשטער האט זיך כביכול מצמצם געווען בכדי אז עס זאל נחקק ווערן צורת הבן (ישראל) במחשבתו צוליב דער תענוג וואס ער באקומט פון צדיקים, "כדמיון אב המצמצם את שכלו ומדבר דברי

---

114) כש"ט (הוצאת קה"ת) סקל"ג. וש"נ. 115) ראה הקדמה ללקו"א להה"מ (הוצאת קה"ת) ג, ב. ועוד. 116) ראה ב"ר פ"א, ד. 117) או"ת ד"ה נעשה אדם (ב, ג). וראה כש"ט סרמ"א. או"ת (שם, ד) ד"ה ויברא וד"ה ענין אחר.

קטנות בשביל בנו הקטן כו'" ("כי נער ישראל ואוהבהו"[118]), און דערנאך איז דא נאך א צמצום בכדי אז עס זאל נתהווה ונולד ווערן די מציאות הבן בפועל בגלוי חוץ מזה ווי ער איז כלול וחקוק במוח האב, און אראפקומען למטה בעוה"ז הגשמי צו טאן עבודתו.

און אויך לאחרי וואס ער ווערט נתהווה בפועל (מחוץ למוח האב) – איז ניט דער פירוש אז ס'איז ניטא די מציאות פון דעם בן ווי ער איז חקוק במוח האב, נאר זיכער איז דא דער ענין, נאר דערצו איז צוגעקומען נאך אן ענין – דער גילוי הבן בפועל (מחוץ למוח האב). ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו כללות העולם – וואס איז באשאפן געווארן בכדי "לגלות שלימות כחותיו ופעולותיו ית'"[119], איז דער פירוש בזה, אז נוסף צו דער שלימות פון כח אינו חסר פועל (באם אויבערשטן)[120], קומט צו נאך א שלימות – דער גילוי מן הכח אל הפועל בפועל ממש (ווי דער פועל שטייט בגלוי חוץ פון דעם כח)[121]. און ווי דער בן איז מחוץ למוח האב (לאחרי הצמצום) איז ער פארבונדן מיט דער דרגא ווי ער איז (לפני הצמצום –) חקוק במוח ועצם האב.

איז דאך פארשטאנדיק, אז בשעת מ'מאכט פריילעך ("יצחק") דעם בן יחיד ובן קטן פון מלך מלכי מלכים הקב"ה (אויך לאחרי שנולד ויצא ממוח האב) – דער גודל השמחה וואס מ'פארשאפט דורך דעם דעם אויבערשטן אליין!

און דאס רעדט זיך, כאמור, אפילו בשעת מ'איז משמח א בן קטן, ד.ה. אויך קטן ברוחניות, אז ער האט נאך ניט קיין פארשטאנד אין אידישקייט. און נאכמער – אויך א איד וואס איז בבחי' "קודם שנולד" בכל עניני אידישקייט ותומ"צ, ער איז נאך אפילו ניט "געבארן" געווארן ברוחניות – איז אויך אזא איד חקוק במוח האב (הקב"ה), ובמילא איז פארשטאנדיק דער גודל השמחה וואס מ'פארשאפט דעם אויבערשטן דורך מאכן פריילעך אט-דעם אידן!

קען מען דאך מיינען אז די עבודה פון "יצחק" – פריילעך מאכן יעדער אידן, אויך א קטן, אויך "קודם שנולד" – איז גענוג, ווייל דאס אליין איז א געוואלדיקער ענין.

---

118) הושע יא, א. 119) ע"ח בתחלתו. וכ"ה בשער ההקדמות הקדמה ג. 120) ראה פרדס שי"א פ"ג – הובא ונת' בסהמ"צ להצ"צ מצות האמנת אלקות פי"א. המשך תרס"ו ע' ה ואילך. קלט ואילך. (וראה בהוספות שם ע' תרד ואילך – בהוצאת קה"ת תשל"ו). ד"ה שובה וד"ה ולקחתם אעת"ר. 121) ראה לקו"ש ח"כ ע' 284 ואילך. שיחת ט"ו בשבט שנה זו.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אויף דעם זאגט מען אים, אז די עבודה פון "יצחק" דארף ברענגען און זיין אין אן אופן פון "יוסף": ס'איז טאקע א געוואלדיקער ענין צו פריילעך מאכן דעם בן קטן פון דעם אויבערשטן (די עבודה פון "יצחק"), און דאס פארשאפט דעם אויבערשטן א שמחה גדולה ביותר - אבער ס'איז דא נאך א גרעסערע שלימות ושמחה, בשעת מ'מאכט פון דעם בן קטן ער זאל ווערן א בן גדול, ביז א "בן אחר", אן אנדערער און שלא בערך העכערער סוג פון בן, און מאכן אז פון דעם "אחר" זאל ווערן א "בן", ביז אז פון "בן אחר" זאל ווערן "אחד" (פון דעם רי"ש מאכט מען א דלי"ת)[122] - די עבודה פון "יוסף ה' לי בן אחר"!

לג. וואס דאס איז דער כללות תוכן העבודה פון "יוסף יצחק" - די עבודה פון כל אנשי הדור וואס שמם איז על שם בעל ההילולא, נשיא הדור - די צוויי באזונדערע עבודות פון "יוסף" און "יצחק", און ווי יעדערע פון די צוויי עבודות איז מוסיף אין דעם צווייטער ("יצחק" איז מוסיף אין דער עבודה פון "יוסף", און "יוסף" איז מוסיף אין דער עבודה פון "יצחק") - ווערט עס שתים שהן ארבע, ביז אז זיי דארפן ווערן אן איין און איינציקע עבודה, וויבאלד אז "יוסף יצחק" איז אן איין און איינציקער נאמען פון דעם איין און איינציקן אידן - דער בעל ההילולא, נשיא הדור, ועל שמו - דער איין און איינציקער נאמען פון כל אנשי הדור.

און וויבאלד אז הנשיא הוא הכל ובתר רישא גופא אזיל - באקומט יעדער מענטש פון דעם דור די כחות פון נשיא הדור צו טאן די עבודה, כמדובר לעיל באריכה.

ובפרט ע"פ הידוע (כמדובר כמ"פ), אז "נשיא" איז ר"ת "ניצוצו של יעקב אבינו"[123], וואס בא יעקב'ן איז געווען מטתו שלימה[124] - אזוי אויך בא נשיאי ישראל, ווערן עניניהם נמשך בכל אנשי דורם, ובאופן נצחי (שלימה),

און אין אן אופן פון "ניצוצו (של יעקב אבינו)": א ניצוץ איז העכער פאר הארה, עאכו"כ הארה דהארה - ווייל א הארה איז ניט קיין חלק פון אור, עאכו"כ ניט פון מאור, משא"כ א ניצוץ - א פונק - איז ע"פ הלכה ממש א חלק פון דעם פייער (מאור), ועצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו (ווי דער רבי (מהורש"ב) נ"ע

---

122) ראה גם המשך באתי לגני הש"ת פ"ו. 123) קהלת יעקב (לבעהמ"ס מלא הרועים) מע' רבי. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1051 הערה 18. 124) ויק"ר פל"ו, ה. וראה פסחים נו, א.

ברענגט בשם הרס"ג)[125],

קומט אויס, אז דורך דעם נשיא ווערן נמשך עניניו של יעקב - באופן של "ניצוץ", אז מ'נעמט העצם כולו.

לד. און דורך דעם וואס מ'נעמט אן די החלטות צו טאן בכל ענינים אלו (כללות העבודה פון "יוסף יצחק") ביום השבת איז דעם זמן פון רעוא דרעוין - זאל דאס געבן נאכמער כח צו אויפטאן די אלע ענינים,

ובפרט אז אין דעם זמן פון רעוא דרעוין דשבת זה וועט מען לייענען בתורה התחלת פ' יתרו - וואס איז בכללות דער זעלבער ענין ווי די עבודה הנ"ל פון "יוסף ה' לי בן אחר":

"יתרו" איז מלשון "יתר", וואס פירושו איז - "יוסף", אז עס קומט צו, וכמבואר בחז"ל[126] - אז ער הייסט יתרו על שם זה וואס דורך אים "יתר פרשה אחת בתורה" לגבי די פרשיות שניתנו למשה מסיני,

און די הוספה ("יתר") איז געקומען דורך דעם וואס בא יתרו איז געווען דער ענין פון "יוסף ה' לי בן אחר", פריער איז ער געווען אן "אחר", א כהן לעבודה זרה[127] "שהי' מכיר בכל ע"ז שבעולם כו'"[128], און פון "אחר" איז ער נהפך געווארן צו ווערן א "בן" - אתהפכא, און דורך דעם קומט צו אן עילוי נעלה יותר לגבי המצב לפנ"ז, וכמבואר[129] אז "יתרו" איז פארבונדן מיט "יתרון האור מן החושך ויתרון החכמה מן הסכלות"[130], ווייל בא יתרו איז געווען דער בירור והפיכה פון חכמה דלעו"ז לחכמה דקדושה, וואס דעמולט ווערט דער יתרון בחכמה דקדושה. און דערפאר איז דוקא הודאת יתרו ("עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלקים"[131]) האט אויפגעטאן דער ענין פון מתן תורה כמבואר בזה[132]. און אויך - אז דורך אים איז צוגעקומען - "יתר (יוסף) פרשה א' בתורה", אפילו לגבי די פרשיות שניתנו למשה - מצד דער עילוי פון "יתרון האור מן החושך" - בדוגמת כללות הענין פון "יוסף ה' לי בן אחר", אז דורך דעם וואס פון "אחר" ווערט א "בן" קומט צו א הוספה (יוסף) פון נאך א בן.

---

125) המשך תרס"ו ע' תקכב. סה"מ תרס"ט ע' עג. המשך תער"ב ח"א ע' תטו. תקנג. ח"ב ע' א'פא. 126) מכילתא ופרש"י ר"פ יתרו. 127) שמו"ר פ"א, לב. מכילתא שם. 128) מכילתא ופרש"י יתרו יח, יא. 129) סה"מ תש"ט ע' 52 ואילך. לקו"ש חי"א ע' 75 ואילך. 130) ע"פ ל' הכתוב - קהלת ב, יג. 131) יתרו שם, יא. 132) ח"ב סז, ב. סח, א. נתבאר בסה"מ שם ס"ע 56 ואילך. לקו"ש שם ע' 74 ואילך. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לה. ויה"ר אז פון דעם ענין פון רעוא דרעוין ווי דאס איז בקשר מיט קריאת התורה (פ' יתרו), זאל עס אראפקומען אין התגלות רעוא דרעוין (פנימיות הרצון כו')[133] כפשוטו ובגלוי דא למטה - אז עס ווערט נמשך בפשטות צו יעדן אידן כל טוב בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות ושניהם גם יחד, וואס דאס ווייזט אז עס ווערט נמשך פון א מקום שלמעלה משניהם (רעוא דרעוין).

ביז צו דער שלימות בזה - בגאולה כפשוטה - וואס דעמולט וועט זיין דער שלימות הגילוי והמשכה פון רעוא דרעוין דא למטה - בגשמיות וברוחניות ולמעלה משניהם כו' - כמ"ש[134] "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר", עד כדי כך וועט עס נמשך ווערן בגשמיות, אז מ'וועט אפילו ניט דארפן האבן "עיני בשר" דאס צו זען, נאר "ראו כל בשר" אליין[135], ואדרבה - דעמולט וועט זיין הנשמה ניזונית מן הגוף[136],

און דעמולט וועט זיין דער שלימות פון "יתרו" - "אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' לעבדו שכם אחד"[137],

עאכו"כ אז עס ווערט נמשך בא אידן - ווייל דורך די עבודה איצטער באופן פון "יתרו" ("יוסף ה' לי בן אחר") ברענגט דאס דער ענין פון מתן תורה (פאר אידן) לע"ל (אזוי ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה), דאע"פ וואס מתן תורה איז געווען נאר איין מאל, "וידוע דעוד הפעם מ"ת לא יהי' לע"ל" (ווי דער לשון וואס ברענגט זיך אין חסידות[138]) - וועט אבער דער שלימות בזה זיין לע"ל[139], בלימוד תורתו של משיח[140] און אלע גילויים דלע"ל - וואס "כבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה"[141].

ובפשטות - אז בקרוב ממש קומט משיח צדקנו, ובאופן פון "וארו עם ענני שמיא"[142], ד.ה. למעלה מזמן ומקום,

בגאולה האמיתית והשלימה - וואס דעמולט וועט זיין דער שלימות הגילוי פון רעוא דרעוין - אז עס ווערט נמשך פון למעלה מזמן ומקום וביחד עם זה ווערט דערפון נמשך אין זמן ומקום,

במהרה בימינו ממש - למעלה מזמן ומקום (במהרה), באופן פון

---

133) ראה המשך תרס"ו ע' תקמה. ובכ"מ. 134) ישעי' מ, ה. 135) ראה לקו"ש חט"ו ע' 44. חכ"ב ע' 37 הערה 72. וש"נ. 136) המשך וככה תרל"ז פ"ז א-ב. לקו"ש חכ"א ע' 88. וש"נ. 137) צפני' ג, ט. 138) ס' המאמרים - ליקוט (קה"ת תשד"מ) ע' כא. המשך תרס"ו ע' כג. תקמו. המשך תער"ב ח"א ע' שסו. סה"מ תש"ט שם ע' 57. 139) ראה ויק"ר פי"ג, ג. קה"ר רפ"ב. שם פי"א, ח. ועוד. 140) ראה לקו"ת צו יז, א. ובכ"מ. 141) תניא פל"ו. 142) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

הוחח הח' בלתי מוגה

וארו עם ענני שמיא, וביחד עם זה - (במהרה בימינו) ממש, אז מ'קען עס אנטאפן מיטן חוש המישוש.

* * *

לו. כמדובר כמ"פ, אז נוסף צו דער צד השוה וואס איז דא בכמה ענינים, האבן זיי אויך ענינים מיוחדים וואס טיילן זיי פאנאנדער.

ועד"ז בנוגע צו דער יום ההילולא: ס'איז דא דער צד השוה פון דעם יום ההילולא בכל שנה ושנה - אז דאס קומט אויס בכל שנה ושנה ביו"ד שבט. דערצו זיינען דא ענינים מיוחדים בקביעות יום הילולא וואס זיינען אנדערש משנה לשנה, לדוגמא (בשנה זו) - אז דאס קומט אויס בערב שבת פ' בשלח (ווי גערעדט פריער בארוכה די הוראה פון דעם שיעור חומש), וכיו"ב.

אבער די ענינים מיוחדים - זיינען ניט מיוחדים ממש, ווייל זיי קענען זיך איבער'חזר'ן מפעם לפעם, לדוגמא - בכמה שנים קען זיך איבער'חזר'ן דער ענין אז דער יום ההילולא זאל אויסקומען באותו קביעות ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה (שבת פ' בא), אדער בערב שבת פ' בשלח (כבשנה זו), וכיו"ב.

דערנאך זיינען אבער דא ענינים מיוחדים אין דעם יום ההילולא וואס קומען אויס נאר בשנה אחת, אן ענין וואס איז ניט געווען ביום ההילולא בכל השנים שלפנ"ז און וועט ניט זיין ביום ההילולא בכל השנים שלאח"ז.

און דאס איז - דער מספר השנים זינט דער שנת ההילולא, וואס דאס איז אן איין מאליקער זאך וואס בייט זיך משנה לשנה.

ושנה זו צייכנט זיך אויס דערמיט אז ס'איז דורך ל"ה שנים זינט דער שנת ההילולא, ד.ה. אז איצטער הויבט זיך אן דער שנת הל"ו פון דער הילולא, וואס דאס איז אן ענין מיוחד נאר בשנה זו, עס איז נאך קיינמאל ניט געווען אזא זאך און וועט נאכאמאל ניט זיין.

לז. והענין בזה:

דער מספר ל"ו האט אין זיך כמה ענינים מיוחדים: דאס איז דער גימטריא פון "אלה", און דאס איז דער מספר הנרות וואס מ'צינדט אן בחנוכה[143] (כמבואר בספרים).

---

143) ראה גם לקוטי לוי"צ - אגרות ע' תיז ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וביאור הענין:

ס'איז מבואר אין חסידות (אין לקו"ת[144], ועוד[145]) אז "אלה" איז לשון גילוי, דער לשון רבים פון "זה"[145], מראה באצבע ואומר זה[146]. כפשטות הענין: ווען מ'זאגט "אלה הקשרים" רעכנט מען דערנאך אויס די קשרים, וכיו"ב בכל מקום וואו עס שטייט "אלה" (כמבואר שם בנוגע צו "אלה מסעי" און "אלה הדברים" ועוד מקומות וואו עס שטייט "אלה"), ניט ווי דער לשון "הן" (אדער "הם"), וואס איז לשון נסתר.

והענין בזה: "אלה" איז בחי' המדות - "אלה" גייט אויף די ששה מדות דז"א ווי יעדער מדה איז כלול פון די אנדערע ששה, וששה פעמים ששה איז עולה ל"ו, כמספר "אלה". וואס מדות איז ענינם - גילוי, וואס דאס איז דער חילוק צווישן מוחין און מדות - אז מוחין איז בהעלם (מוחין זיינען לעצמו), משא"כ מדות איז גילוי (לזולתו). וואס דערפאר איז עיקר עבודת האדם אין מדות (כמבואר בספר התניא)[147] - ווייל מדות איז אור וגילוי, משא"כ מוחין איז בהעלם.

און דער שלימות הגילוי פון מדות איז - בשעת יעדערער פון די ששה מדות איז כלול משאר הששה מדות, ווייל בשעת ס'איז דא נאר די ששה מדות (חסד, גבורה כו') זיינען זיי ניט בתכלית הגילוי, משא"כ בשעת חסד איז כלול מחסד (חסד שבחסד) ומגבורה (גבורה שבחסד) ביז יסוד שבחסד, וואס יסוד איז דער שלימות הגילוי - דעמולט שטייען די מדות בתכלית הגילוי.

דערנאך דארף מען האבן דער ענין פון מלכות - בכדי אז דער גילוי המדות זאל נמשך ווערן (און פועל'ן) למטה בעולם מחוץ למדות; אבער לפנ"ז דארף מען האבן אז אין דער משפיע עצמו (אין ז"א), אין עולם המדות (וואס באשטייט נאר פון ששה מדות, חסד ביז יסוד) - זאל זיין דער שלימות הגילוי, וואס דער שלימות הגילוי בעולם המדות איז - די ששה מדות שכלול מששה.

[וואס דערפאר איז מען מבאר[148] אז עס זיינען דא ששים ריבוא מישראל, ווייל ישראל (יעקב) איז בחי' ז"א, ששה מדות, וששה כלול מעשר - דער שלימות הגילוי פון די ששה מדות (בפרטיות

---

144) פקודי ד, ג. 145) ס' הליקוטים-דא"ח צ"צ ערך אלה. וש"נ. סה"מ תרס"ט ע' קסט ואילך. תרצ"ט ע' 182 ואילך. לקוטי לוי"צ - אגרות ע' קמד. וראה שם ע' תיד ואילך. 146) ע"ד מרז"ל שמו"ר ספכ"ג. ועוד. 147) ראה גם בלקו"ש חכ"ד ע' 118 ובהנסמן שם הערה 29. 148) סה"מ תקס"ו ע' קצא ואילך. אוה"ת בלק (כרך ה) ע' א'תרסח. סה"מ תרע"ח ע' שיב ואילך. ועוד.

יותר) – איז ששים ריבוא, "וכל שרש (פון די שש"ר נשמות) מתחלק לששים רבוא ניצוצות שכל ניצוץ הוא נשמה אחת"*148].

קומט אויס, אז ל"ו (ו' פעמים ו') ווייזט אויף כללות שלימות הגילוי פון מדות.

און דאס איז דער ענין וואס "אלה" איז בגימטריא ל"ו – ווייל ל"ו (ששה מדות כלול מששה) איז תכלית הגילוי, דער ענין פון "אלה".

ועפ"ז וועט מען פארשטיין פארוואס מספר נרות חנוכה איז ל"ו – ווייל ענינו פון נרות חנוכה איז גילוי – להאיר "על פתח ביתו מבחוץ"149, וואס דאס ווערט אויפגעטאן בשלימות דורך די ששה מדות שכלול מששה (ל"ו). און מ'רעכנט נאר די ששה מדות (ניט מלכות), ווייל מלכות טוט שוין אויף דער בירור פון דעם חושך, אבער די נרות חנוכה איז ענינם נאר צו מאיר זיין (ד.ה. דער אור המשפיע, ז"א) על פתח ביתו מבחוץ – און דער שלימות בזה איז ששה מדות כלול מששה, דערפאר איז דער דער סך-הכל פון אלע נרות חנוכה – ל"ו, "אלה".

לח. דערפון איז אויך פארשטאנדיק די הוראה פון דעם וואס עס הויבט זיך איצטער אן דער שנת הל"ו פון דער הילולא – אז די כחות אויף די עבודה אין די אלע ענינים פארבונדן מיט דעם בעל הילולא קומען איצטער ארויס בתכלית הגילוי – ששה מדות כלול מששה, פון חסד שבחסד ביז יסוד שביסוד.

און די הוראה דערפון איז, אז שטייענדיק בהתחלת שנת הל"ו פון דער הילולא, דארף מען איצטער אנהויבן טאן די עבודה אין די אלע ענינים פון דעם בעל ההילולא – בתכלית השלימות – תכלית התוקף והגילוי, סיי בנוגע צו זיך, און סיי בנוגע הזולת – להאיר על פתח ביתו מבחוץ, די עבודה פון "יוסף ה' לי בן אחר".

ויש להוסיף, אז היות "ימי שנותינו בהם שבעים שנה"150, די שבע מדות (כולל מלכות) כלול מעשר151 – קומט אויס אז בהתחלת שנת הל"ו איז שוין דורך רוב שנותיו (מער פאר ל"ה שנים וואס איז חצי פון שבעים שנה) – זאגן חז"ל152 אז "כיון שיצאו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב אינו חוטא [דאס איז ניט קיין סתירה

---

*148) תניא פל"ז. 149) שבת כא, ב. וראה תו"א סד"ה רני ושמחי. סד"ה נ"ח. שערי אורה סד"ה בכ"ה בכסלו. סידור ערה, ב-ג. ובארוכה ד"ה נ"ח תרמ"ג, תש"ד בתחלתם. ועוד. 150) תהלים צ, י. 151) ראה לקו"ת חוקת סה, ד. 152) יומא לח, סע"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

צו בחירה, ווייל אויב ער וועט קנעלן און זיך איינשפארן קען ער אויך דעמולט חוטא זיין; אבער ע"פ טבע איז בשעת עבר רוב שנותיו לא יחטא], ויש לומר הטעם ע"פ הנ"ל - ווייל בשנת הל"ו ("אלה") שטייען ביי אים בתכלית הגילוי אלע זיינע כחות (מדות), ששה כלול משׁשה.

ומזה מובן אויך בנוגע לענייננו: היות מ'שטייט שוין בהתחלת שנת הל"ו פון דער הילולא, ווייל מ'שטייט שוין איין טאג נאך סיום הל"ה שנים לאחרי ההילולא, און "יום אחד בשנה חשוב שנה"[153] (ובפרט אז ס'איז יום השבת שמיני' מתברכים כולהו יומין פון שבוע הבא[154], וועלכע זיינען ימים אין דער שנת הל"ו), ונוסף לזה: א ההילולא איז בדוגמא דער ענין פון ראש השנה וואס איז כולל כל השנה הבא, במילא קומט אויס אז דער יום הילולא נעכטן איז כולל כל שנת הל"ו - האט מען איצטער שלימות הגילוי פון אלע כחות און דערפאר איז ע"פ טבע מובטח שלא יחטא לעולם (ווייל ער שטייט שוין בשנת הל"ו לאחרי שעבר רוב משבעים שנה), איז פארשטאנדיק אז מ'האט נאכמער כחות צו טאן די עבודה אין די אלע ענינים וואס דער בעל ההילולא האט געמאנט.

לט. וויבאלד אז מ'האט דערמאנט וועגן דעם ענין פון ראש השנה (אז א יום הילולא איז בדוגמא ווי ראש השנה) - איז כאן המקום צו דערמאנען:

היות אז בשבוע הבא - וואס ווערט געבענטשט פון דעם שבת וואס קומט בהמשך צו דעם יום ההילולא - איז ט"ו בשבט, ראש השנה לאילן[155] - איז א דבר מובן ופשוט, אז דער "הנחה" - "הנחה למדינות עשה"[156] - וואס מ'האט געמאכט[157] אויף אלע ספרי קה"ת ביז יו"ד שבט (דער יום ההילולא), זאל נמשך ווערן ביז ראש השנה לאילנות.

ובפרט אז בינתיים זיינען געדרוקט געווארן נאך ספרים - איז למה נגרע די ספרים פון דער "הנחה". און וויבאלד אז "מגלגלין זכות כו'"[158], וועט דער "הנחה" ביז ט"ו בשבט אויך זיין אויף שאר הספרים.

מ. בהמשך להאמור וועגן "הנחה למדינות עשה" - וועט מען עד"ז אויך טאן בנוגע צו די שלוחים ושלוחי שלוחים פון דעם בעל ההילולא וואס זיינען זיך עוסק בהפצת המעינות חוצה במקומות שונות -

---

153) ר"ה ב, ב. 154) זח"ב סג, ב. פח, א. 155) ר"ה בתחלתה (דהלכה כב"ה). 156) מגילת אסתר ב, יח. 157) שיחת ש"פ וישב, כ"א כסלו שנה זו סמ"ז. 158) ל' חז"ל - תענית כט, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

אז אלס אן ענין סמלי, וועט מען שיקן א סכום געלט פון איינער פון די קרנות פארבונדן מיט דעם בעל ההילולא אויף זייערע הוצאות, סיי הוצאות פרטיות - פון זיי אליין ובני ביתם אויף מזון לבוש ובית וכיו"ב, און סיי אויף זייערע הוצאות אין זייער שליחות.

און מ'איז מדגיש בפירוש אז מ'וועט ניט שיקן צוויי "טשעקס", נאר איין "טשעק" פאר ביידע הוצאות (הוצאות אלס יחיד און הוצאות אלס שליח) - בכדי מדגיש זיין, אז עבודת השליח אלס יחיד און עבודתו אלס שליח זיינען ניט צוויי באזונדערע ענינים, נאר דער עבודה ומעשה פון יעדער שליח אלס א יחיד איז איין זאך מיט עבודה ומעשה השליחות שלו.

ווארום כשם ווי בא דעם אויבערשטן איז "הוא המדע והוא היודע והוא הידוע"[159] - אזוי איז דאס אויך בא צדיקים שדומין לבוראם, ובמילא אויך בא זייערע שלוחים ושלוחי שלוחים וועלכע זיינען בבחי' שלוחו של אדם כמותו - אז אלע זייערע ענינים, אלס יחיד און אלס שליח כו', זיינען איין זאך אין א "יחוד נפלא כו'", באופן פון "הוא המדע והוא היודע והוא הידוע" (כמבואר בתניא[160]).

מא. נוסף לזה:

אזוי ווי מ'האט זיך געפירט פאראיארן - וועט מען געבן משקה פון דער התוועדות פאר די אלע שלוחים. ובכדי פארשפארן טירחא דציבורא, זאלן זיי ארייננגיין מארגן, מוצאי שבת, אין מזכירות און דארטן באקומען א קנקן משקה.

וואס אין די משקה וועט זיין ארייננגעמישט פון דער משקה פון דער התוועדות (בקשר מיט דער יום ההילולא), במילא וועלן די שלוחים האבן די אלע זכויות וברכות ונתינת כח פון התוועדות זו מיט א דבר גשמי (משקה אין וועלכע ס'איז ארייננגעמישט פון דער משקה דהתוועדות זו), וועט דאס זיי געבן נאכמער כחות וכו' צו טאן עבודתם בשליחות פון דעם בעל ההילולא אין הפצת התורה והיהדות והמעינות חוצה, אזוי אז עס דארף נאר זיין דער "עמדו הכן כולכם" האט מען שוין דעמולט אלע ברכות כו' באופן פון "והוא יכלכלך"[161], און דאס גיט כחות אז מ'זאל קענען מאכן ווייטער

159) רמב"ם הל' יסוה"ת פ"ב ה"י. מו"נ ח"א פס"ח. תניא פ"ב. ובכ"מ.
160) פ"ה. 161) ל' הכתוב - תהלים נה, כג. וראה סה"מ עזר"ת ריש ע' קז. תרפ"ח ע' כח. תרצ"ט ריש ע' 21. סה"מ קונטרסים ח"ב שלח, סע"ב. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' שכח. ח"ד ע' תנג. וראה גם פלח הרמון וירא סב, ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

התוועדויות כגון זה בשנה זו ובשנים שלאח"ז.

און דעריבער - קומענדיק למקומם זאלן די שלוחים טיילן און נוצן די משקה אויף זייער שליחות, באופן המתאים ובזמן המתאים, און דערצו צוגיסן נאך משקה - וכל המרבה וכל המוסיף מוסיפין לו. און דאס זאל צוגעבן נאכמער כחות אין די עבודה פון די שלוחים.

און דאס וועט זיין א הכנה קרובה אז ס'וועט איינגיכן קומען דער שליח ה' - אליהו הנביא[162], און ער וועט מבשר זיין[163] אז "הנה זה בא", לשון עבר[164].

און דאס וועט זיין בשעתא חדא וברגעא חדא - ווייל ס'איז שוין "כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה"[165], וואס תשובה איז בשעתא חדא וברגעא חדא[166], קומט גלייך די גאולה, "וארו עם ענני שמיא".

"בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[167], "קהל גדול ישובו הנה"[168], שלימות העם, צוזאמען מיט שלימות התורה - גייט מען אין שלימות הארץ.

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

מב. די משקה צו די שלוחים וועט מען געבן מארגן, כנ"ל. אבער עס זיינען דא צוויי זאכן וואס קומען פאר היינט באנאכט, במוצאי שבת - דארף מען אויף דעם איצטער געבן די משקה.

אנהויבנדיק פון דער מלוה מלכה פארבונדן מיט נשי ובנות ישראל, וואס כשם ווי בשכר (בזכות) נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים[169], שטייט דאך אין כתבי האריז"ל[170] אז דער דור דעקבתא דמשיחא איז א גלגול פון דור מצרים - וועט אזוי אויך זיין בדור זה, דרא דעקבתא דמשיחא, אז בזכות נשים ובנות צדקניות דדור זה וועלן אידן ארויסגיין פון גלות[171].

---

162) מלאכי ג, כג. 163) ראה פרש"י בחוקותי כו, מב. תו"ע וארא ז, יח. יל"ש ר"פ פינחס. רמב"ם הל' מלכים פי"ב ה"כ. 164) ראה לקו"ש ח"ח ע' 323 הערה 42. 165) סנהדרין צז, ב. 166) זח"א קכט, א ואילך. 167) בא י, ט (כמ"ש ביצי"מ). 168) ירמי' לא, ז. 169) סוטה יא, ב. שמו"ר פ"א, יב. ועוד. 170) שער הגלגולים הקדמה כ. ל"ת וספר הליקוטים (להאריז"ל) עה"פ שמות ג, ד. 171) ראה יל"ש רות רמז תכו בסופו (ממדרש זוטא רות).

הנחת הת' בלתי מוגה

וואס דערפאר פארבינדט מען די מסיבה בקשר מיט נשי ובנות ישראל מיט א מלוה מלכה, סעודתא דדוד מלכא משיחא[172], וואס ער וועט קומען בזכות ועל־ידי די הכנה פון עבודת נשי ובנות ישראל.

וואס בכדי ברענגען די גאולה פון דעם גלות דארף מען האבן אז די נשי ובנות ישראל בדורנו זה זאלן מקיים זיין שליחותם, לכל לראש דער שליחות פון זיין אן "עקרת הבית", און די בנות ישראל (וואס האבן נאך ניט חתונה געהאט) – די הכנות המתאימות אז זיי זאלן בקרוב זיין "עקרת הבית" בבתים שלהם.

וואס דאס איז דאך דער תפקיד פון "מכון ליהדות" (וואס בקשר דערמיט איז די מלוה מלכה) – כשמו: "מכון" מלשון הכנה, אז דאס איז מכין בנות ישראל צו "יהדות", צו פירן זיך ווי א יהודי ויהודית דארף זיך פירן, "יהדות" אויך על שם "יהודה", וואס האט אין זיך (די ד' אותיות פון) דער שם הוי', און אויך "יהודית" ("יהדות") איז כולל אין זיך דער שם הוי', דאע"פ וואס אין "יהודית" איז דא נאר ג' אותיות פון שם הוי' (י', ה', ו'), איז אבער דער איין ה"א כולל אין זיך אויך דער צווייטער ה"א, כידוע בהטעם פארוואס עס זיינען דא נאר י"ב צירופי הוי' (וויילביידע ה"א'ין ווערן גערעכנט אלס איינער)[173].

און וויבאלד אז דאס איז א דבר חשוב וגדול – דארף מען דערצו האבן א הכנה[174], כמבואר במס' ביצה[175] אז א דבר חשוב בעי הכנה דרבה.

און דאס איז דער תפקיד פון "מכון ליהדות" – צו מחנך זיין און מכין און צוגרייטן בנות ישראל צו דורכפירן זייער תפקיד אלס "יהודית", ובמיוחד – דער ענין פון ווערן בקרוב "עקרת הבית".

וואס דורך דעם ובזכות זה ברענגט די נשי ובנות ישראל די גאולה מגלות זה (אזוי ווי ס'איז געווען בגאולת מצרים, כנ"ל) ע"י דוד מלכא משיחא, וואס שטאמט פון שבט יהודה, פארבונדן מיט "יהודית", "יהדות".

און דערפאר איז דאס אויך פארבונדן במיוחד מיט א מלוה מלכה, סעודתא דדוד מלכא משיחא.

מג. וואס דערפאר וועט מען איצטער געבן משקה פון דער התוועדות פאר דער מלוה מלכה פארבונדן מיט בנות ישראל – צו די משתתפים

---

172) פע"ח שער השבת ספכ"ד. סידור האריז"ל כוונת הבדלה ומו"ש. 173) ראה שיחת ש"פ וארא ס"ט. ושנ"ג. 174) ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הזמנה (א) ס"ג. ושנ"ג. 175) ד, א. ובכ"מ.

הנחת התו' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

בזה, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, אדער שניהם יחד.

וואס דורך די משקה פארבינדט מען די אלע ענינים וברכות ונתינת כח מיט א דבר גשמי. און דערצו האט די נתינת משקה אויך דער עילוי פון צדקה. ואדרבה - וויבאלד אז ביום השבת קען מען ניט געבן קיין צדקה באופן אחר, און די איינציקע וועג צו מקיים זיין דעמולט מצות צדקה איז דורך גדולה לגימה שמקרבת כו'[176] - איז נאכמער א הכרח און אן עילוי אז מ'זאל מקיים זיין צדקה דורך געבן די משקה.

און דאס זאל געבן א תוספות כח וברכה צו די בנות ישראל אין זייער עבודה - אז זיי זאלן גאר בקרוב געפינען שידוכים טובים, און חתונה האבן און מקיים זיין די מצוה פון "פרו ורבו", וואס שלימותו וועט זיין לע"ל, ווען עיבור וועט זיין ניט בט' חדשים, נאר בט' שעות, ווי דער צ"צ ברענגט[177], עאכו"כ די עבודה פון "פרו ורבו" ברוחניות - מאכן נאך א איד[178], "יוסף ה' לי בן אחר".

כולל אויך - די שליחות שלהן אין די דריי ענינים:

אנצינדן נרות שבת קודש ויו"ט, כולל דער תוכן רוחני בזה - אז שטייענדיק בערב שבת אחר חצות פון די שית אלפי שנין דהוו עלמא, עאכו"כ ווען מ'שטייט שוין כמה זמן נאך חצות - זאלן זיי אנצינדן "נר מצוה ותורה אור"[179] וואס באלייכט דעם חושך גלות; כשרות האכילה ושתי' און טהרת המשפחה.

און דורך די עבודה פון נשי ובנות ישראל איילן זיי נאכמער צו די גאולה האמיתית והשלימה פאר אלע אידן, במהרה בימינו ממש.

ובפרט אז דערצו כאפט ארייַן יעדער איד אין די לעצטע רגעים פון גלות צו פארענדיקן די לעצטע ענינים פון מעשינו ועבודתינו, אין אן אופן פון "חטוף ואכול חטוף ואישתי"[180], וויבאלד אז ס'איז ניט געבליבן קיין צייט.

כולל ובמיוחד אין די אנדערע מבצעים - השייך לכולם - חינוך עצמו וחינוך זולתו, אהבת ישראל ביז אחדות ישראל, תורה, תפילין, מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים - יבנה וחכמי', די דריי ענינים

---

176) סנהדרין קג, סע"ב. 177) יהל אור ע' תריט. וראה ביאוה"ז להצ"צ (כרך ב) ע' תתכז. 178) לקו"ד ח"ד תשמו, א. ס' השיחות תש"א ס"ע 45 ואילך. לקו"ש ח"א ע' 114. ח"י ע' 187. ועוד. 179) משלי ו, כג. 180) ל' חז"ל - עירובין נד, א. וראה מכתב כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע - "מבוא" לקונטרס ומעין ע' 22. אגרות קודש שלו ח"א ע' 107.

הנחת הת' בלתי מוגה

הנ"ל אפגעגעבן במיוחד צו נשי ובנות ישראל.

און אויך דער ענין, אז יעדער איד זאל האבן אן אות אין איינער פון די ספרי תורה הכלליים, וואס דורך דעם ווערט אויך א שלימות אין זיין אייגענעם אות, ווארום כשרות כל הספר תורה איז תלוי בזה אז דארטן זאלן זיין אלע אותיות וועלכע זיינען כנגד אלע אידן, כמדובר כמ"פ.

און אויך די השתדלות אז יעדער איד זאל האבן א שיעור אין רמב"ם - ג' פרקים ליום, פרק א' ליום, אדער עכ"פ איין מצוה אין ספר המצוות.

מד. כאמור לעיל, אז מ'וועט איצטער גבען משקה פאר דער מלוה מלכה פון "מכון ליהדות", און אויך פאר דער מלוה מלכה פון "ועד לדוברי עברית".

און וויבאלד אז ס'איז שבת[181], זאל מען טיילן א טייל דערפון דא, והשאר - בא דער מלוה מלכה.

און דאס זאל נאכמער מוסיף זיין אין די הצלחה בכל ענינים אלו, וויבאלד אז דאס האט אין זיך די משקה פון דער התוועדות ביום השבת בקשר מיט דער יום ההילולא, וואס דער "מלוה מלכה" האט אין זיך אויך דער ענין פון שבת, כשמו - "מלוה מלכה", אז מ'איז מלוה און מ'האט מיט זיך שבת מלכה (כמבואר בשו"ע אדה"ז[182]).

כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן בקבוק משקה להר"ר י.י.ה. שיחי' (עבור המלוה מלכה ד"מכון ליהדות"). ולהר"ר ש.פ.ז. שיחי' (עבור המלוה מלכה ד"וועדה לדוברי עברית").

ואח"כ התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל.

* * *

מה. דער ביאור בפרש"י - עכ"פ בקיצור:

בשעת דער בן חמש לערנט פרשתנו איז ביי אים בפשטות - ע"ד הפשט - אז ארץ כנען איז די איינציקע לאנד וואס אידן וועלן כובש זיין - אין אלע פסוקים ביז איצטער (אלע הבטחות פון דעם אויבערשטן וכו') האט ער געלערנט אז אידן וועלן גיין לעבן נאר אין ארץ כנען, ניט וועגן קיין אנדער ארץ.

---

181) ראה משנה שבת ספט"ו. וש"נ. פס"ז בשלח טז, ה. 182) ס"ש ס"ב.

הנחת התו' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וואס דערפאר איז ע"פ פשוטו של מקרא דא (בפרשתנו) דארף מען ניט אנקומען צו דעם ענין פון "אל תצר את מואב" ועד"ז בנוגע אדום - ווייל ע"ד הפשט וועלן אידן ניט כובש זיין ארץ מואב וארץ אדום, מערניט ווי ארץ כנען.

במילא איז פארשטאנדיק ע"פ פשוטו של מקרא, אז חוץ פון כנען האבן ניט קיינע אומות וואס צו מורא האבן אז אידן וועלן זיי כובש זיין, ווייל ס'איז גלוי לכולם אז דער אויבערשטער האט געזאגט און מבטיח געווען אידן נאר בנוגע צו ארץ כנען.

דעריבער - ווען עס שטייט אין פסוק "שמעו עמים ירגזון" - מוז רש"י קומען און מפרש זיין אז דאס מיינט "מתרגזין", ד.ה. ניט אז זיי האבן מורא אז אידן וועלן זיי כובש זיין אזוי ווי כנען האט מורא (ווארום אויף דעם האבן זיי ניט וואס צו מורא האבן), נאר אז מתרגזין מצד זייער שנאה צו אידן ווען זיי זען אז אידן זיינען מצליח.

דערנאך ווען עס שטייט אין פסוק "אז נבהלו אלופי אדום אילי מואב יאחזמו רעד" - מוז רש"י מפרש זיין וואס איז דא די הוספה אז נאר אדום ומואב "נבהלו" לגבי דעם וואס שטייט לפנ"ז אז כל העמים מתרגזין. ד.ה. אז עס מוז זיין אן ענין מיוחד וואס איז שייך דוקא צו אדום ומואב און ניט לשאר העמים. און דאס קען ניט זיין דער פחד פאר כיבוש, ווייל כאמור, נאר כנען האט דערפון געהאט וואס צו מורא האבן, משא"כ שאר העמים, כולל אדום ומואב.

דערפאר פרעגט רש"י - פארוואס זאל בא אדום ומואב זיין דער ענין פון פחד, "והלא לא הי' להם לירא כלום שהרי לא עליהם הולכים", אזוי ווי בא שאר האומות איז ניט געווען קיין פחד נאר "ירגזון" - ווייל אידן וועלן איינעמען נאר כנען, כנ"ל?

[און באם בן חמש למקרא וועט ניט זיין קיין קשיא ווען ער וועט לערנען בפ' בלק אז "ויגר מואב..ויאמר..עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור את ירק השדה" - ווייל לאחרי וואס בלק מלך מואב האט געזען אז אידן האבן כובש געווען סיחון ועוג, כולל א חלק פון ארץ מואב וואס סיחון האט זיי פריער כובש געווען (ווי רש"י שרייבט[183]: "חשבון משל מואב היתה..שסיחון לקחה מהם ועל ידו טהרה לישראל"), ד.ה. אז אידן זיינען כובש נאך לענדער חוץ נוסף אויף ארץ כנען, ביז אז "יושב ממולי" - אט דעמולט איז ביי אים נתעורר געווארן א פחד אז "עתה ילחכו הקהל (אויך) את כל סביבותינו"[184]].

---

183) חוקת כא, כו. 184) ראה גם לקו"ש ח"ח ע' 148 הערה 33.

הנחת הת' בלתי מוגה

פארענטפערט רש"י: אלא מפני אנינות, שהיו מתאוננים ומצטערים על כבודם של ישראל":

ביי אלע אומות איז דער מתרגזין געווען מצד זייער שנאה טבעית צו אידן, אן קיין טעם והסברה. משא"כ ביי אדום ומואב איז דער התאוננות וצער על כבודם של ישראל, געווען מצד א חשבון וטעם מיוחד בשכל (וואס איז ניט שייך בא די אנדערע אומות) – אז וויבאלד זייער יחוס איז דער זעלבער ווי דער יחוס פון "ישראל", קומט זיי אויך דער כבוד[185]:

דער כבוד פון ישראל קומט דאך מצד דעם וואס זיי שטאמען פון יעקב (ישראל) וואס ער האט באקומען ברכת יצחק בנו של אברהם.

האט "אדום" געטענה'ט: אז זיי האבן דאך דעם זעלבן יחוס: "אדום" שטאמט דאך פון עשו[186], דער ברודער פון יעקב (ישראל) און זון פון יצחק. ואדרבה: עשו איז געווען דער בכור, און דערפאר האבן אים געקומט די ברכות (נאר יעקב האט עס צוגעשלעפט). און ווי מ'זעט טאקע[187] אז עשו האט גע'טענה'ט אז אים קומט מערת המכפלה. במילא האט אדום געהאט א התאוננות וצער על כבודם של ישראל וואס די אנדערע אומות האבן ניט געקענט האבן – ווייל זיי טענה'ן אז ס'קומט זיי אויך דער כבוד מצד זייער יחוס.

אזוי אויך האבן גע'טענה'ט "מואב" אז זיי שטאמען פון לוט[188], א פלימעניק פון אברהם. און מ'זעט וויפל אברהם האט זיך איינגעשטעלט פאר לוט'ן, אז אפילו לאחרי וואס "הפרד נא מעלי"[189], איז בשעת "וישמע אברם כי נשבה אחיו" איז "וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלוש מאות וירדוף גו'"[190] ער האט זיך איינגעשטעלט צוזאמען מיט די שי"ח ילידי ביתו אין א מצב פון פקו"נ בכדי צו ראטעווען לוט'ן. האבן זיי גע'טענה'ט, אז אויב ישראל באקומען כבוד, קומט זיי אויך כבוד ווייל זיי האבן אויך דעם יחוס.

דערפאר ווערן דוקא אדום ומואב אויסגעטיילט אין דעם פסוק – "אז נבהלו אלופי אדום אילי מואב גו'" – ווייל זיי זיינען אויסגעטיילט פון שאר העמים ("שמעו עמים ירגזון") מצד דעם וואס זיי זיינען קרובים צו אידן, האבן זיי א קנאה מיט א חשבון על כבודן של ישראל.

---

185) ראה גם גו"א כאן. 186) ס"פ וישלח. 187) פרש"י ויחי מט, כא. 188) ויקרא יט, לא ואילך. 189) לך יג, ט. 190) שם יד, יד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מו. עפ"ז (אז אדום ומואב זיינען אויסגעטיילט אין פסוק מצד דעם וואס זיי שטאמען פון אברהם ויצחק כו') - ווערט די שאלה פארוואס רעכנט מען ניט אויך ישמעאל און עמון, וואס ישמעאל איז געווען א בן פון אברהם אזוי ווי יצחק, וואס דאס איז נאכמער יחוס ווי מואב (וואס שטאמט נאר פון אברהם'ס פלימעניק, לוט), און עמון האט געשטאמט פון לוט אזוי ווי מואב[191]?

איז דאס באם בן חמש קיין שאלה ניט:

היות אז דער בן חמש ווייסט אז ישמעאל האט תשובה געטאן[192] - פארשטייט ער אז ישמעאל (ויוצאי חלציו) וועלן ניט קומען מיט טענות, ווארום אברהם האט אים אוועקגעשיקט - "וישלחם מעל יצחק בנו גו' קדמה אל ארץ קדם"[193].

ובנוגע צו עמון - האט שוין רש"י פריער מפרש געווען וועגן דער חילוק צווישן די נעמען "מואב" און "עמון" עה"פ[194] "ותלד הבכירה בן ותקרא שמו מואב" - "זו שלא היתה צנועה פירסמה שמאבי' הוא ("מואב"), אבל צעירה קראתו בלשון נקי'", ד.ה. אז זי האט זיך געשעמט דערמיט אז ער איז מאבי', און זי האט זיך משתדל געווען דאס מעלים זיין.

וואס עפ"ז פארשטייט ער, אז עמון וועט ניט קומען און שרייען אז זיי ווילן אויך האבן כבוד אזוי ווי ישראל באקומען כבוד דערפאר וואס זיי שטאמען פון לוט - ווייל דאס גופא (אז זיי שטאמען פון עמון) איז פאר זיי די גרעסטע בושה און דער גרעסטער פאטש אין פנים, זיי האבן זיך דערמיט געשעמט, וואס דערפאר האבן זיי געפרואווט בכל מיני אופנים צו דאס מעלים זיין!

משא"כ מואב שטאמט פון דער עלטערער טאכטער "שלא היתה צנועה" און "פירסמה שמאבי' הוא", האבן זיי זיך דערמיט ניט געשעמט.

און ס'איז פארשטאנדיק אז רש"י דארף ניט און קען ניט שרייבן וועגן דער קשיא ותירוץ הנ"ל (בנוגע ישמעאל ועמון) - ווייל דאס איז פארשטאנדיק פאר א בן חמש פון פירושו אין די פריערדיקע פרשיות, איז אויב ער וועט מאריך זיין אין דעם , וועט מען טייטשן אז רש"י טראכט אז דער בן חמש האט שוין פארגעסן וואס ער האט פריער געלערנט!

ועפ"ז זעט מען ווי יעדער ענין אין רש"י איז בתכלית הדיוק,

---

191) וירא יט, לח. 192) פרש"י חיי שרה כה, ט. 193) שם, ו. 194) וירא שם, לז.

הנחת הת' בלתי מוגה

ולא פחות ולא יותר.

מז. ויה"ר אז מ'זאל בפועל זוכה זיין צו דעם (המשך השירה) "תפול עליהם אימתה ופחד גו'"[195], ביז צו סיום השירה: "ה' ימלוך לעולם ועד"[196], כפרש"י: "לעתיד לבוא שכל המלוכה שלו".

און ס'איז קיין שאלה ניט וואס איז די שייכות פון "ה' ימלוך לעולם ועד" וואס גייט אויף לע"ל, מיט שירת הים וואס איז געזאגט געווארן לאחרי יציאת מצרים - ווארום ס'איז מבואר בחז"ל[197] אז אילו זכו וואלטן אידן אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, צוזאמען מיט משה רבינו, גלייך נאך קריעת ים סוף, ווי רש"י[198] שרייבט: "מיד עד ג' ימים", און דעמולט וואלט געווען די גאולה שלימה שאין אחרי' גלות, צוזאמען מיט קיום היעוד "ה' ימלוך לעולם ועד"!

נאר וויבאלד אז אינמיטן האבן זיך אריינגעמישט אנדערע ענינים - האט זיך פארצויגן דער גלות, ביז דער איצטיקער גלות!

אבער לאחרי ווי דער גלות ציט זיך שוין העכער 1900 יאר, חוץ פון די שבעים שנה פון גלות בבל - האבן אידן זיכער יוצא געווען אלע ענינים לכל הדיעות, ובפרט אז נאך הונדערטער יארן צוריק האט מען שוין געהאט דער פס"ד ברור אין גמרא אז "כלו כל הקיצין"!...

איז דאך א זיכערע זאך, אז עס דארף שוין זיין א סוף צו דעם גלות! לאחרי כל הענינים וכל הביאורים איז ניטא קיין שום ביאור והסבר בשכל פארוואס דער גלות ציט זיך נאך... "עד מתי"?!... "אלקים אל דמי לך אל תחרוש ואל תשקוט א-ל"[199]...

ביז דער קיום היעוד[200] "וידעו כי אתה שמך ה' לבדך עליון על כל הארץ".

ויה"ר אז פון רעדן וועגן דעם ענין הגאולה, און מברר זיין דער ענין הגאולה ווי דאס איז אין תורה - זאל עס קומען בפועל ממש למטה מעשרה טפחים,

ובפשטות - אז תיכף ומיד ממש גיט זיך יעדער איד א כאפ - דורך דעם וואס מ'טוט די עבודה באופן פון "חטוף ואכול וחטוף ואישתי" - אז מ'געפינט זיך אין ארצנו הקדושה, "ארץ אשר גו'

---

195) פרשתנו טו, טז. 196) שם, יח. 197) ראה נדרים כב, ב. שמו"ר רפל"ב. 198) בהעלותך י, כט. שם, לג. 199) תהלים פג, ב. וראה מדרש תהלים עה"פ. יהל אור עה"פ (ע' רחצ). 200) שם, יט.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[201], און דארטן גופא - בירושלים עיר הקודש, "קרית מלך רב"[202], און דארטן גופא - להר הבית, און אין "מקדש אד' כוננו ידיך" (ווי עס שטייט אין שירת הים[203]),

ובאופן פון שלימות הארץ, כולל - "כי ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[204], צוזאמען מיט שלימות העם, צוזאמען מיט שלימות התורה ומצוותי',

ובאופן פון "ובני ישראל יוצאין ביד רמה"[205], "ואולך אתכם קוממיות"[206],

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ובמהרה בימינו ממש, אזוי אז מ'קען עס אנטאפן מיטן חוש המישוש[207]!

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו ותן חלקנו בתורתך".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

------- * -------

201) עקב יא, יב. 202) תהלים מח, ג. 203) טו, יז. 204) ראה יב, כ. 205) פרשתנו יד, ח. 206) בחוקותי כו, יג. 207) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' תז. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה